STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01968

KHANUKAS-HABAYIS

Khayim Beyder

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



כאַיִם ביידער

כאַנוקאַס-האַבאַיִס

לידער
און באַלאַדעס

מאָסקווע
פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל"
1979

С(Евр)2
Б41

„כאַנוקאַס־האבאַיס‟ איז די ערשטע זאַמלונג פֿונעם טאַלאַנטפֿולן ייִדישן דיכטער כאַיִםביידער.

אין דעם דאָזיקן בוך זײַנען מערסטנטייל אײַנגעשלאָסן לידער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן פֿאַרן לעצטן יאָרצענדליק. דאָך גיט דער בוך אַ פֿאָרשטעלונג און שפּיגלט אָפּ דעם לאַנגיאָריקן שעפֿערישן וועג פֿונעם פּאָעט.

כאַיִם ביידערס לירישע לידער האָבן זיך באַוויזן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן. און זינט דעמלט קלינגט זײַן אייגנאַרטיקע שטים אינעם כאָר פֿון דער ייִדישער דיכטונג.

אין „כאַנוקאַס־האבאַיס‟ געוועלטיקט דער לירישער שטראָם, און ניט נאָר אין די לידער וועגן ליבע, נאַטור, מענטשלעכע געפֿילן, נאָר אויך אין די ווערק, וואָס דײַטן אָן דאָס אָרט פֿונעם מענטשן, וועלכער בויט די הײַנטצײַטיקע געזעלשאַפֿט.

וועגן וואָס כאַיִם ביידער זאָל ניט שרײַבן — וועגן ביראָבידזשאַן, וועגן שטעטעלע פֿון זײַן קינדהײַט, וועגן די נײַ־בויונגען — שטרעבט ער אין דער ערשטער ריי איבערגעבן די געפֿילן און געדאַנקען פֿון זײַנע מיטצײַטלער, מיט וועמענס טרוימען און פֿאַרלאַנגען דער אויטאָר לעבט, וועמענס פֿריידן אוןליידן זײַנען אים לײַבלעך נאָענט.

דער גרעסטער טייל פֿון דעם, וואָס עס גייט אַרײַן אין דעם דאָזיקן בוך, איז פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד‟.

© *Издательство «Советский писатель», 1979 г.*

Б $\frac{70403-316}{083(02)-79}$ 302—79. 4702200000

סאָרען — מײַן אומפּאַרגעסלעכער
לעבנס־כאַוועריטע, וואָס איז אַזוי אומגעריכט
פאַרשניטן געוואָרן.

גאס זו לעטויווע!

דאָ שמעקט מיט ליים בא יעדן הויז,
דער שווייס, וואָס רינט, — איז איך צום גוטן.
מיט יעדער שטוב, וואָס וואקסט דאָ אויס,
בין איך א נאָענטער מעכוטן.

צום באלעבאָס — זאָל זײַן, דערקענט
כ׳האָב אים צום ערשטן מאָל אין לעבן, —
איך גיי צו אים, כ׳שטרעק אויס די הענט,
א ברייטן שאָלעם אים צו געבן.

זאָל זײַן מיט גליק, זאָל ניט פארזאמט
די שעפע ברענגען אירע פרוכטן!
די קינדער שפּילן זיך אין זאמד,
עס פלאצט א שויב — ס׳איז אויך צום גוטן!

אבי עס זאָלן פענצטער זײַן,
אנטקעגן זון זיי זאָלן קוועלן —
ס׳וועט קלעקן גלאָז, ס׳וועט קלעקן שײַן,
קעדיי דער גאנצער וועלט באשטעלן.

עס וואקסט א גאס. די שטאָט — אין בליִ,
מיט אימפּעט שלאָגן אירע בלוטן,
ס׳איז אונדזער שווייס, ס׳איז אונדזער מי —
ס׳וועט זײַן מיט גליק, ס׳וועט זײַן צום גוטן!

דער
ערשטער
טרונק



אלטײַער זון

אלטײַער זון, אלטײַער זון
באַם ברעג פון רוישיקן קאַטון,
וואָס איז פאַרקאָוועט נאָך אין אײַז, —
אין אָנהייב פון איר הויכן קרײַז
פון טיפער בלויקײַט שטיל און ווייך
זי טוט צוערשט א גלעט די ערד,
דערנאָך צעיאָגט זיך פון איר הייך
און ווי א ווילדע פלוצעם ווערט.

אלטײַער זון, אלטײַער זון
קיין ווענן מאַכט זיך ניט דערפון,
וואָס דאָ ארום, אף טאָל און באַרג,
דער שניי נאָך ליגט געזונט און שטאַרק
און מיט זײַן ווײַסער קאָלדרע בלענדט,
און ס'איז דערווײַל נאָך אָנהייב מאַרט, —
זי לייגט, ווײַזט אויס, דערויף קיין אַכט,
צעשפּרייט זי האַלט די שטראַלן־הענט.

און אָט האָט שוין דער סאָסנע־וואַלד
פאַר איר די קרוינען ברייט צעפּראַלט,
און צווישן בערג דער טשויסקער סטעפּ
מיט רויש און קנאַל ווערט אופגעלעבט,
און ס'וועקט דעם בער פון שלאָף דער שניי
אף באַרג־רוקן באַ דעם קאַטון:
— ע־היי!.. ע־היי!... שוין צײַט!..
— איך גיי!..

אזא מין זון!
אלטײַער זון!

אף די וועגן סיבירער

> אף די וועגן סיבירער
> קאָן עמעץ נאָך איצטער געפינען?
> א קנעפל, א שטריקל?
> פון מײַנעם א צעריסענעם שוך...
>
> ה. ל ײ װ י ק

אף די וועגן סיבירער,
ווו מיט צוגן זיך אמפערט דער ווינט,
כ׳האָב געזען, ווי די שקיִע
מיט סרייפעס פון דאָמנעס זיך צינדט.

ערגעץ נאָענט אָט דאָ,
הינטער ווײַסע בערעזעס פון וואלד,
מיט א מעכטיקן האמער
האָט עמעץ געקנאלט און געקנאלט.

כ׳האָב געזען, ווי דער הימל
ארום האָט מיט פלאקער געברענט,
און אים אויסגעשטרעקט,
ווי צו א ווארעמען שײַטער, די הענט.

איז געוואָרן מיר הייס,
כ׳האָב צעכראסטעט דאָס העמד און געקוקט,
ווי דער וואלד צו דעם שײַטער,
וואָס שמעלצט האָריזאָנטן, זיך בוקט.

און א גאנצענע נאכט
האָט פון ראכוועסן ברייטע אף מיר
מיט גערויש און געקלאנג
זיך געטראָגן דער הייסער סיביר!

דאָס קלינגען דראָטן

כ'האָב ניט געוווּסט — כ'האָב בלויז געפּילט
צי אויסגעכאָלעמט אָט דאָס בילד:
א צוגווינט אף די הענט מיך נעמט
און טראָגט אריבער אינדערפרעמד.

און כאָטש אָט דאָ, אין טיפער ווײַט,
די קעלט מיך, ווי מיט מעסערס, שנײַדט
און כ'ראנגל זיך מיט אײַז און שניי —
מיר טוט ניט באנק,
מיר טוט ניט ווײ.

און אלץ, וואָס דארף מיט מיר געשען,
איז ווי געוועזן און ניט געווען:
צי אפּדערעמעסן, צי בלויז
ווי א מיראזש, וואָס מאָלט זיך אויס?

איך שטיי אין סאמע מיט פון וועג,
וואָס האָט קיין סאָף ניט און קיין עק,
און כ'ווייס ניט,
צי ס'איז טאָג, צי נאכט,
און ווער האָט מיך אהער געבראכט.

און ס'פּאלט דער שניי, און ס'טרייסלט אָפּ
דער וואלד זײַן זילבער־ווײַסן קאָפּ,
און ווידער שטעלט ער אים ארויס
אנטקעגן ווינטערדיקן ברויז.

און ס׳דוכט מיר אויס: דורך ווינטס געברום
עס קלינגען קייטן...
כ׳קוק זיך אום —
דאָס קלינגען דראָטן.
איך זוך, פונוואַנען איז דער קלאַנג —
ער איז פאַרשוווּנדן דאָך פון לאַנג!

נאָר ס׳לאַכט אין פּאָנעם מיר דער ווינט:
— צי ביסטו טויב? צי ביסטו בלינד?
דאָס קלינגען דראָטן — הער זיך איַין!
און זיי עס קאָכט די העלע שיַין!

נו, יאָ, פאַרגעסן האָב איך גאָר:
פאַרשפּעטיקט כ׳האָב אַף הונדערט יאָר,
אַף הונדערט צי אַפילע צוויי
צו אָט דער וועלט פון וואַלד און שניי...

און ווידער לאָז איך זיך אַוועק
אין וועג, וואָס האָט קיין סאָף, קיין עק, —
נאָך וויפל זען באַשערט איז מיר
אָט דאָ, אַף ערד דיַינער, סיביר!

דיוונאָגאָרסק

אָ, וווּנדער־בערג, אָ, וווּנדער־בערג!
דורך ראָזלעך־רויכיקן געווימל
צוערשט דאָ קיינער ניט באמערקט,
ווּ איז די ערד און ווּ — דער הימל.

באַם טײַך צוקאָפּנס שטייען זיי,
ווי וועכטער גרויזאמע און שטילע,
אַז עמעץ זאָל דעם יעניסיי
ניט אָפּטאָן פּרווון שלעכטס, כאָלילע.

ווער האָט געוואַרט, ווער האָט געוווּסט,
אַז ס׳וועט דער טײַך דורך שטײַפע דראָטן
א שטראָם טאָן, ווּ קיין מענטשנס פוס
יאָרטויזנטער האָט ניט געטראָטן?

אָ, יעניסיי, ווי שיין דו ביסט
אפילע אין געצוימטע שטראָמען —
און צוגעטראַכט מ׳האָט ניט אומזיסט
דיר, דיוונאָגאָרסק, אזא מין נאָמען!

דורך צעדער־וואַלד, בערעזע־וואַלד —
די קאָלערלײַ קאָלירטע פאסן —
דו האָסט גרויסאַרטיק זיך צעפּראַלט
מיט יאַרוסן פון הויכע גאסן.

ווּהין די אויגן כ׳טו א פיר —
די וווּנדער־בערג איך זע פונדאַנען:

אף רעכטס איך גיי — די בערג נאָך מיר,
אף לינקס איך גיי — מיט מיר זיי שפּאַנען.

און כ׳ווייס: צו אָט דער יונגער שטאָט
מיך אייביק ציִען וועט מיט צוואַנגען,
ווי כ׳וואָלט אַהער פון ערשטן טראָט
דאָס גאַנצע לעבן מײַנס געגאַנגען.

אַט יענע, די ערשטע

אַט יענע — די ערשטע, מיט ווילן און גלויבן,
וואָס האָבן די זעג און דאָס רידל פאַרהויבן
צו רײַסן די שטילקײַט פון ברייטן און לענגען, —
דו מוזסט זיי געדענקען!

בערדיטשעווער יאַטן און מיידלעך פון באַלטע,
וואָס האָבן געוואָרפן די היימען די אַלטע, —
אפילע פאַרמעקטע אין ווירבל פון יאָרן —
דו האַלט אין זיקאָרן!

איך שפּאַן איבער גאַסן, דורך פלעצער און סקווערן —
און ס׳דוכט, זייער שטים וועל איך באַלד דאָ דערהערן:
אַט דאָ אונטער צווײַגן זיי זײַנען געזעסן —
דו טאָרסט ניט פאַרגעסן!

זיי זײַנען שוין באָבעס, זיי זײַנען שוין זיידעס,
און יעדער פון זיי איז אַ העלד — ניט קיין איידעס
פון לעבן, וואָס דאָ האָט גענומען שאַרזען, —
דו דאַרפסט פאַר זיי קניִען!

אַט יענע — די ערשטע, וואָס האָבן, ווי טרוימען,
פאַרזייט אף די ראַכוועסן זייערע זוימען
און פלעגן מיט אייגענעם בלוט זיי באַשפּרענקען, —
דו מוזסט זיי געדענקען!

דער ערשטער טרונק

געפילט קיין מידקײַט אין די פיס,
צום ברעג געגעבן זיך א ריס,
באַם טײַך געפאַלן אף די קני:
ער איז שוין דאָ, ער איז שוין הי!.

און ס׳האָט א הירש באַם צווייטן ברעג
זיך אָפּגעשטעלט אף ווילדן שטעג.

ניט שרעק זיך, הירש, דו מעגסט זיך גיין
וווּהין דו דאַרפסט. ס׳איז גוט זײַן מיין,
קיין בייז ער וויל ניט קיינעם טאָן —
א לעבן הייבט באַ אים זיך אָן.

און ס׳איז דער הירש אוועק און האָט
דער טײַגע אויסגעזאָגט דעם סאָד...

און ער איז צוגעפאַלן באַלד
צום שטראָם, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַלד,
מיט מירמלשטיין, מיט זאַמד און ליים,
מיט רייץ פון אויסגעטרוימטער היים.

אָט יענער דאָרשטיק־זיסער טרונק —
ער ליגט ביז איצט נאָך אף דער צונג!

אַט די שטילע בירע...

געלאסן־שטיל, נעשאַמע־ריין,
זי האָט געוויגט זיך אין די ברעגן.
געדוכט — די רויִקייט אליין
איז אַף איר וואסער־שטאָל געלעגן.

פונקט ווי א קינד, וואָס מ׳האָט אנטוויינט
פון מוטערס ברוסט, זי האָט געפלאפלט,
ווי מיט אומשולדיקייט באכיינט,
און לייכט אין מוטערס שויס געצאפלט.

נאָר פלוצעם האָט זי זיך צעשפילט
און שטיפעריש גענומען יאָגן,
און כוואליעס האָבן בייז און ווילד
מיט קאס אין שטיין־ברעגן געשלאָגן.

געווינט, אפּאָנעם, יאָרנלאנג
אַף בּרייט און לענג אָן שטערונג שוימען,
דערעסן האָט איר אָט דער צוואנג,
וואָס וויל איר שטראָם דעם פרייען צוימען.

פארגייענדיק זיך אין געברום,
בעטאָן און שטיין זי האָט געבראָכן,
און כוואליעס האָבן זייטיק־קרום
געזוכט די סאָפקע — ניט דערקראָכן.

ס׳האָט עפשער זיך אין איר דערוועקט
דער קויעך, וואָס זי טראָגט פארבאָרגן,

נאָר דורכלייגן פאַר זיך א וועג
צו מי זי וועט אוואדע מאָרגן.

און מיר אין שטראָם האָט זיך געהערט
א שטורמיש קאָל פון שטאָל און אײַזן:
„אָט ווארט, אָט ווארט — מיר איז באשערט
א נײַעם וונדער דאָ באווײַזן!..“

דאָס געוויסער

און ס׳האָט די ערד זיך אזש פארכלינעט,
געכליופּעט און געכליפּעט שווער:
„גענוג, גענוג שוין! כ׳וויל ניט, כ׳וויל ניט!
איך בין שוין זאט, איך דארף ניט מער!..״

נאָר ס׳האָט דער הימל אלץ געגאָסן,
גערוישט, געשפּילט זיך און געלאכט —
עס האָט אין אים זיך אופגעשלאָסן
די אופגעעיוירטע טיפע טראכט.

און כמארעס האָבן זיך געקײַקלט,
ניט ווינסדיק ווּהין אליין,
און רעגנס האָבן אלץ געפּײַקלט
אין פויקן פון אספאלט און שטיין.

און ווען ס׳איז צו דעם טאָג דעם טריבן
אָן ענד געקומען סאָפקאָלסאָף,
עס האָט דער ווינט נאָך לאנג געטריבן
די וואָלקנס, ווי א סטאדע שאָף.

דער שטערן אױף דער סאָפּקע

באַנאַכט צינדט אָן די סאָפּקע איר לאַמטערן,
און, לויכטנדיק אױף דעם אַנטענע־שפּיץ,
ער װינקט זיך איבער מיט די הױכע שטערן:
אַ װוּנק — אַ בליץ, און נאָכאַמאָל — אַ בליץ.

נאָר װען פאַרכמורעט ס׳װערט דער הימל־בויגן
און לאָזט אַראָפּ זיך צו די פעלדער װײך, —
עס װערן גרעסער די לאַמטערן־אויגן,
פאַרכידעשט קוקן זײ אין טונקלער הײך.

פאַרשטײן זײ װילן: אינעם רוים געראַמען
געשײַנט עס האָבן טויזנט שטערן שײן,
װי גוט עס איז מיט זײ געװען צוזאַמען,
װי עלנט, אומעטיק איז שטײן אַלײן.

און װען דער װינט די כמאַרעס נעמט צעיאָגן
און שטערן צינדן װידער אָן די שײַן,
עס דוכט, אַז דער לאַמטערן באַלד װעט זאָגן:
— כ׳װעל אײנזאַם דאָ שוין קײנמאָל מער ניט זײַן!

און װידער װיגט די סאָפּקע איר לאַמטערן
און גרױסט זיך, װאָס ער הענגט אױף סאַמע שפּיץ, —
ער װינקט זיך איבער מיט די װײַטע שטערן:
אַ װוּנק — אַ בליץ, און נאָכאַמאָל — אַ בליץ...

האַרבסט

נאָך ערגעץ־ווו די מיט פון נאַכט
כאַלוימעס שפּינט, אין שלאָף פאַרבאָרגן,
און אונדז האָט שוין די זון געבראַכט
די ערשטע בלויקייט פֿון פרימאָרגן.

די שייַטערס זייַנע ער צעצינדט,
און איַינגעטונקט אין גאָלד די הייך איז,
און ס׳טראָגט א סאַמעטענער ווינט
פֿון טייַגע רייצנדיקע רייכעס.

מיט פרישקייַט פול, א נייַער טאָג
אַף גאַסן קומט צו מי א גרייטער,
און אַלץ, וואָס ער אין זיך פאַרמאָגט,
אונדז שענקט ער מיט א האַנט א ברייטער.

א שווער באַלאָדענער, זייַן טראָט
איז שטייַף, און אומעטום צעשטעלט ער
די פרוכטן צייַטיקע פֿון סאָד,
די גאָב פֿון שניט אַף נייַע פעלדער.

מיט פייַערס טראָגט דער וואַלד זייַן קויש
צו מענטשנס טיש — צו סודע זאַטער,
און ס׳פילט זיך שוין אין ווינט־גערויש
דער יאָמטעוודיקער פריידן־געפלאַטער.

און ס׳האָט דער יונגער, מילדער ווייַן
שוין אָפּגעשפּילט אין לאָגל נייַעם —
אַף אַלע כאַסענעס וועט זייַן
מיט וואָס צו טרינקען א לעכאַיִם!

עס נעמט שאַריִען

דורך פֿאָרהענגלעך, וואָס האַלטן צו די נאַכט,
זי זאָל מיך מיט איר כאַשכעס ניט פֿאַרציִען,
א מיזרעך־שטראַל דעם אָנזאָג האָט געבראַכט:
— עס נעמט שאַריִען!

געקומען פּלוצעם, שטיל, ווי אומדערוואַרט,
געשיקט פֿון ווײַטער זון צום טאָג דעם פֿריִען —
א גאַנצע נאַכט אָט דאָ זי האָט געוואַכט:
— עס נעמט שאַריִען!

און מיטאַמאָל אין טאָגס בלוי־טיפֿער טראַכט
הייבט אָן אין אַלץ די לויטערקײַט זיך מיִען,
און קיינער האָט שוין איבער איר קיין מאַכט:
— עס נעמט שאַריִען!

א גאַנצן טאָג

א גאַנצן טאָג — פון פרי ביז שפּעט
עס בײַט דער הימל זײַן קאָליר —
אָט טוט ער צאַרט די ערד א גלעט,
אָט כווישעכדיק — א פאַל צו איר.

עס טוט א בלענד — און גלײַך פאַרשווינדט
די זון, — ווי אפן האַרץ א ריס,
און בלאָט נאָך בלאָט רײַסט אָפּ דער ווינט
און וואַרפט אַראָפּ מיר צו די פיס.

און ס׳רוישט דער בוים — ווי אין געפעכט
מיט בייזן ווינט געגאַן ער וואָלט...
און אָט שוין ליגט די גאַנצע ערד
אין ווייכע טעפּיכער פון גאָלד.

שקיעה

ס׳איז די שקיעה צוגעפאלן
צו דער ערד און גלײַך
אירע ליפּן — רויטע שטראלן
אײַנגעטונקט אין טײַך.

האָט גענומען זי די בירע
טרינקען דאָרשטיק ווילד
און — פארגאפּט פון פארבן אירע -
קוים זיך אײַנגעשטילט.

און אף כוואליעס בליצן רײַטן
העלע, ווייך און צארט.
קוקט די סאָפּקע פון דער ווײַטן:
טאָג איז איצט — צי נאכט?..

גלויבן

העמשעך

כ׳בין ניט דער אָנהייב, ניט דער סאָף,
כ׳בין ניט די הייך און ניט דער מיטן.
ווי ס׳וואָלט מיך אופגעוועקט פון שלאָף,
ווען אף א כאָלעם כ׳האָב געריטן.

ניט אויסגעטאָן נאָך פון זײַן שפּיל,
איך קנײַפּ מײַן גוף און רײַב די אויגן,
אָט טאפּט שוין אָן מײַן פוס דעם דיל —
דער שלאָף אף פּיצלעך ווערט צעפלויגן.

און ווען איך טו דעם ערשטן טראָט,
מיר קומט די וואָר אפּסנײַ אנטקעגן —
איך גיב זיך אָפּ אף איר באַראָט,
ווי אפן ווינט — א פרײַער זעגל.

איך זע: מע זייט — א לעבן העלט,
עס רוישט, עס הילכט אין הייסן פלאקער,
כ׳באַנעם — א העמשעך דארף די וועלט,
און כ׳שפּאַן זיך ווידער אײַן אין אקער.

פאר מי איך זוך ניט קיין געשאנק,
קיין אָרדענס דארף מען אויך ניט געבן:
אבי אין פעלד וואקסט אויך מײַן זאנג —
איז ניט אומזיסט געווען מײַן לעבן.

כ׳וואָלט אנדערש לעבן ניט געקאָנט

אָן אָט דעם ווײַנשלבוים, וואָס וואקסט דערנעבן
און אלעמאָל, ווען פרילינג קומט, זיך ציט
צו מיר אין פענצטער מיט זײַן דופטיק־זיסן צוויט, —
וואָלט איך געקאָנט דען לעבן?

אָן אָט דעם הימל, וואָס מיט אָפגרונט בלויען
שפּארט אָן זיך רונד־ארום אין האָריזאָנט, —
איך וואָלט אָן אים דען אָטעמען געקאָנט
און עמעצן אָן צווייפל זיך פארטרויען?

אָן אָט דער ערד, וואָס האָט אזויפיל יאָרן
מיט זאפט גענערט מײַן ברייט צעצווײַגטן שטאם
און מיך פארהארטעוועט אין פײַער־פלאם, —
וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן?

אָן אָט דער גאָב צו זײַן מיט פרײַנט צוזאמען
אין אומגליק און אין גליק, אין פרייד און לייד, —
ווען זײַן איך וואָלט מיט אָט דער גנאָד צעשיידט,
צו וואָס געטויגט א לעבן וואָלט אזא מין?

היים און ערד

צוגן האָבן זייער רייעך אויך:
סאָפּעגדיק פּאַרטויבט אין ווײַטע רייסן,
האָבן זיי געהוסט מיט קנוילן רויך
און אָפּגעגאַנגען מיט א שווייס א הייסן.

פּונקט אזוי די פערד האָבן געשמעקט,
ווען זיי האָבן, אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן,
מיך אמאָל אף ניט־ברוקירטן וועג
צום וואָקזאַל פון שטעטעלע געטראָגן.

אָט דער וועג מיר כאָלעמט זיך ביז איצט —
פון אַרויספאָר אין דער וועלט אן אָנדענק,
אין מײַן מויעך האָט ער זיך פאַרקריצט,
ווי א שטיק פון יונגן מײַן מאַיאָנטעק.

כ׳הער:
די לייצעס עמעץ טוט א צוק,
ס׳קנאַלט א בײַטש צוזאַמען מיט א קלאָלע...
דוכט מיר:
ווינטן שמײַסן אויך דעם צוג,
פּונקט ווי יענע פערד — דער באַלעגאָלע.

נאָענט טוט אָט יענער רויך א שטויס,
און ביז ווייטעק גיט א קלעם באַם האַרצן:
— נו, כעווריײַע, פּעקלט זיך אַרויס,
זײַט געזונט
און גריסט דעם יאַם דעם שוואַרצן!..

ס׳איז מעשונע, כ׳ווייס, און ניט באקלערט,
ווען אין רוימען ספוטניקעס זיך טראָגן,
גאָר דערמאָנען, ווי עס שלעפּן פערד
ערגעץ ווײַט א סקריפּענדיקן וואָגן.

נאָר איך שווער:
ער האָט אזויפיל קראפט,
אָט דער רייעך פון ארויספאָר יענעם,
אז אפילע אויך דער קאָסמאָנאווט
צווישן שטערן ניט פארגעסן קען אים.

יעדעס מאָל, ווען ער אהיים זיך קערט,
איז עס, ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן:
— אָ, ווי פרעכטיק פילן איז די ערד,
וועלכע האָט די גוורע דיר געגעבן!

דו האָסט נאָך צײַט

און עפּשער הײַנט צום ערשטן מאָל
האָב איך דערפילט דאָס הארטע שטאָל
פון וואָרט, וואָס שפּאַנט אף גאָר דער וועלט
און פעסט זײַן טראָט דורך דוירעס שטעלט.

געדוכט: געננג שוין, רו זיך אָפּ,
ווען שניי באַזילבערט שוין דײַן קאָפּ,
ווען וואָס א מאָל — דאָס הארץ ווערט מיד
אלץ מער, — ווער האָבן דארף דײַן ליד?..

נאָר ווידער ס'טוט אין מיר א שנײַד:
— דו האָסט נאָך גלי, דו האָסט נאָך צײַט,
און בלײַבט כאָטש איינער אף דער וועלט,
וואָס הערט דײַן וואָרט, — ער איז דײַן העלד.

איז עפּשער אים, וואָס דיך פארשטיין
נאָך קען, דארפסט זינגען איצט אליין?
ער איז דײַן פאָלק, דײַן זין, דײַן ווערט —
און שטארבן האָט דײַן ליד קיין רעכט!

זײַ רײַן און פּראָסט

זײַ רײַן, ווי אַ טרער פֿון אַ קינד, וואָס אָן זאָרגן
עס לעבט און קיין עמעסן ווײַ ניט פֿאַרשטייט, —
אַזוי ווי דער הימל אין שטילן פֿרימאָרגן,
וואָס פֿרייד פֿאַר דער וועלט האָט אין בלויקייט פֿאַרבאָרגן
און אַלעמען טיילן מיט איר איז ער גרייט.

זײַ קלאָר, ווי אַף גרעזל אַ טויִיקער טראָפּן,
וואָס ס'האָט נאָך אַפֿילע די זון ניט דערוועקט,
אַזוי ווי אַ קוואַל, וואָס אים קאָן ניט פֿאַרשטאָפּן
קיין באַרג און קיין פֿעלדז און זײַן קלאָרקייט ווערט דאָפּל,
וואָס מער קומט אים שטערונגען אויסשטיין אין וועג.

זײַ פּראָסט, ווי אַ קערן, וואָס רײַסט זיך צו ווערן
אַ שפּראָצלינג, פֿון וועלכן ס'צעוואַקסט זיך אַ בוים, —
אַזוי ווי די ערד, וואָס איז גרייט, וואָס איז גערן
מיט זאַפֿטן מיט אירע מיט שטאַרקע אים נערן
און מאָנט קיין געצאָלטס ניט, און מאָנט ניט קיין לוין.

און אויב אַף געוויסן באַ דיר אַ כּיסאָרן
דאָך טרעפֿט, — זאָל ער זײַן, ווי אַ פֿלעק אַף דער זון:
ניט מינערן זאָל ער דעם פֿײַער דעם קלאָרן,
וואָס ברענט — נאָר גיט לעבן, וואָס בריט — נאָר אָן צאָרן,
און קיינער דערבײַ קאָן ניט לײַדן דערפֿון...

א דאנק!

א דאנק דיר, בוים, פאר קילן שאָטן,
וואָס אויסגעשפרייט פאר מיר דו האָסט,
ווען ס׳האָט די זון מיט פלאם געבראָטן
און פאָשעט לעבן ניט געלאָזט.

א דאנק דיר, זון, פאר אָטעם הייסן,
וואָס מיך דערווארעמען ער פלעג,
ווען ס׳האָט דער ווינט מיט גליווער בייזן
פארשטארן מיך געוואָלט אין וועג.

א דאנק דיר, ווינט, וואָס האָסט צעטריבן
די כמארעס, ווען עס האָט געדאכט,
אז פלאצן וועט אין אומעט טריבן
מײַן הארץ, פון בענקעניש פארשמאכט.

אפן וואָקזאל

— דו פאָרסט אוועק?
— כ׳האָב ניט געטראַכט...
— באַגלייטסט, ווײַזט אויס?
— איך האָב ניט ווען...
— איז וואָס האָט דיך אהער געבראַכט?
...נו, גיי דערצייל, ער זאָל באַנעמען.

א צוג קומט אָן, ס׳פאָרט אָפּ א צוג,
און וואָס איך דאַרף — גייט אָן ניט קיינעם...
נאָר מיר איז גוט, מיר איז גענוג
אין וועג באַגלייטן יעדן איינעם.

א מיידל שמייכלט דורך דער שויב,
א באָכער שיקט א קוש א ברייטן...
ס׳איז עפּשער מיר? נאָר קיינעם כ׳רויב:
אויב ס׳איז ניט מיר — איז דאָס א צווייטן!

— איר פאָרט אוועק? —
איז נאַט די האַנט!
— איר גייט באַגלייטן? -
קומט איניינעם!
כ׳האָב ליב אײַך, מענטשן! אומבאַקאַנט,
איך טראָג אין האַרץ אײַך יעדן איינעם!

אין וועג

א פײַף פון באַן,
א רויש פון שנעלע רעדער.
אין אויגן בלענדט דער גלאַנציקער אספאלט.
און פעלדער טראָגן זיך פארבײַ, און סעדער,
און צו דער ערד די הייך א ווייכע פאלט.

ווען איז געווען דער אָנהייב פונעם ווונדער,
וואָס אָנגערופן האָט מען פּאָשעט — וועג?
אָט וויגט ער מיך,
אָט ווארפט ער פלוצעם אונטער
און טראָגט אַף זײַנע אקסל מיך אוועק.

מעהאלעכן אזויפיל אויסגעמאָסטן,
געאקערט האָב איך זייער ברייט און לענג,
און ווען דער ווינט אין פלייצע מײַנער בלאָזט ניט,
פעלט אויס מיר אָטעם
און עס ווערט מיר ענג.

ניט האלט מיך אָפּ —
ס׳איז ווייניק צײַט געבליבן,
און קיין בילעט בא מיר אומזיסט ניט פרעג:
כ׳בין צו דער ווײַט אַף אייביק צוגעשריבן —
אין וועג!
אין וועג!
און נאָכאמאָל — אין וועג!

א לויב דיר, הארץ!

דאָס לעבן האָט מיך ניט געשוינט,
אָן ראכמים אָפּט מײַן הארץ געבראָכן,
עס האָט ניט איין מאָל מיך באלוינט
מיט ייִעש־פולע טעג און וואָכן.

און פּײַן געווען איז מיר באקאנט,
וואָס וואָלט געקאָנט פאר טויזנט קלעקן.
ס׳פלעג זײַן: איך זוך פון פרײַנט א האנט —
באגעגנט ער מיך מיט א שטעקן...

געדוכט: אף יעדן שטעג און וועג
א שטרויכלונג ווארט מיט האס און צאָרן,
איך זוך א בוים אף גרינעם ברעג —
לאָזט אויס זיך, אז עס איז א דאָרן.

געדארפט מײַן סינע זײַן וואָלט שארף —
אף אלץ צו שמעטערן און שלאָגן,
און ניט קיין הארץ — א שטיין באדארפט
איך וואָלט אין ברוסט אין מײַנער טראָגן...

נאָר כ׳זינג א לויב דיר, הארץ, און בענטש,
וואָס אין די ביטערסטע מינוטן
די ליבע צו דער וועלט און מענטש
האָט הייס געברויזט אין דײַנע בלוטן.

און וויפל ייִעש ס׳וואָלט ניט זײַן —
האָט ניט געלאָשן זיך דער גלויבן,

און איבער לייד און איבער פּײַן
ער האָט מיט ווירדע זיך דערהויבן.

אין דעם — מײַן גאָב איז און מײַן גליק,
וואָס ניט געקאָנט מיט ווילן קאַלטן
כ'האָב זוכן שלעכטס, וואָס אָפן ליגט, —
בלויז גוטס, וואָס ליגט אין טיף באַהאַלטן.

אין אַט די הונדערט אכט מינוט

אין אַט די הונדערט אכט מינוט,
ווען ער געפעלט האָט אונדז דערנעבן,
מע האָט דערפילט באַזונדערס גוט
די פּרײַז פון צײַט, די מאָס פון לעבן.
אין אַט די הונדערט אכט מינוט...

אין אַט די הונדערט אכט מינוט —
ער האָט אין קאָסמאָס זיך געטראָגן —
בא וועלכן מענטש אין הארץ דאָס בלוט
האָט הייסער דעמלט ניט געשלאָגן?
אין אַט די הונדערט אכט מינוט...

אין אַט די הונדערט אכט מינוט
געקייפלט האָט זיך אונדזער גלויבן,
אַז גרויס, אומזיגבאר איז דער מוט,
וואָס האָט מײַן דאָר צו רום דערהויבן, —
אין אַט די הונדערט אכט מינוט...

וואָג און וואָגלאָזיקייט

וואָג — די צוציִונג פון קערפּערס צו דער ערד.
וואָגלאָזיקייט — אומבאַדייטנדיקייט, ניט־וויכטיקייט.

פון א ווערטערבוך

פון מעכטיקייט זי איז געווען א סימען,
פון עכטיקייט — דער ווירדיקסטער באַווייַז.
— ער האָט א וואָג! — מע פלעגט א מענטשן רימען,
און דאָס איז שוין געווען די העכסטע פּרייַז.

און אָט — וואָס ליב געווען איז לאַנגע יאָרן —
צונישט געמאַכט האָט מיטאַמאָל א ריז:
ווען ער אין קאָסמאָס וואָגלאָז איז געוואָרן,
אומשטערבלעכקייט צו אים געקומען איז.

שאפונגס־גײַסט

דער דין פון גאָט א פּאָנעם פון א מענטש
האָט שטרענג און הארב פארווערט דעם קינסטלער מאָלן.
און אויב ס׳איז עמעצער געווען געבענטשט
מיט שאפונגס־גײַסט, — מיט לעבן פלעגט ער צאָלן.

ניט אף פּאפּירוס, לײַוונט צי אף זײַד,
און ניט אף האָלץ, און ניט אף שטיין צי אײַזן
האָט ניט געטאָרט קיין פארב, קיין פען, קיין קרײַד
אָן אויסזען פון א פּראָסטן מענטש באווײַזן.

נאָר ס׳האָט דער גײַסט אין קינסטלערס הארץ געברענט,
און פארב און שטיין אים פלעגן פלײַסיק דינען —
ארויסגעבראכט עס האָבן זײַנע הענט
געשטאלטן פון זײַן דאָר — מיקאָל־האמינים.

געמאָלט א לייב — פארקערפּערט האָט ער קראפט,
א הירש געמאָלט — באטײַט ס׳האָט גוטס און שנעלקײַט,
א טויב — די רו, א שלאנג — וואָס בייזס פארשאפט,
אָן אינד — די ליבע מיט איר כיין און העלקײַט...

און ווען דערזען פון הימל־הייך האָט גאָט,
אז וויפל שטראָף דעם מענטש ניט דראָען זאָלן —
אומשטערבלעך איז זײַן קונסט, — דערלויבט ער האָט
אפילע זיך אליין, דעם בוירע, מאָלן...

ס׳האָט פּאָשעט כאָכמע אים, ווײַזט אויס, געפעלט,
קעדיי פארשטיין און באם געדאנק זיך כאפּן:
ניט ער דעם מענטש געבראכט האָט אף דער וועלט,
נאָר גאָר קאפויר — דער מענטש האָט אים געשאפן.

טשעפּעט ניט דעם טרוימער

טשעפּעט ניט, כ׳בעט איַיך!
טשעפּעט ניט, כ׳בעט איַיך, דעם טרוימער!
איר זעט דאָך:
ער פילט ניט דעם שעטעך
צווישן דעם הײַנט און דעם שפּעטער —
פון אייביקן אומרו ער איז דער באַגײַסטערטער שוימער,
און אויב אפן וועג זײַנעם אופשטעלן וועט איר א צוים,
וועט שטארבן זײַן טרוים.

מיט גליַיקן פײַער און פלאקער עס זײַנען פארצויגן
די דאָרשטיקע אויגן,
דורך פינצטערניש גייט ער,
און ס׳איז זײַן באַגלייטער
דער פלאטער פון הארץ, וואָס קיין רעגע אים רוען ניט לאָזט, —
דער רועך־האקוידעש, וואָס האָט שוין ניט ווייניק געקאָסט
דער מענטשהייט פון אוראלט ביז איצט,
און וויפל עס האָט ניט געשטורעמט, געדונערט, געבליצט, —
עס האָט זיך זײַן קאָפּ ניט געבויגן,
און ס׳האָט ניט געקילט זיך דער פלאם אין די דאָרשטיקע אויגן.

ניין, רוען ער וועט ניט,
קיין מיטגעפיל, מיטלײַד ער בעט ניט!
אים ארט ניט,
וואָס עמעצער גלאָצט זײַנע נארישע אויגן אף אים מיט פארדאכט,
צי כויזעקט און לאכט.
פון קיינעם ער ווארט ניט
קיין לויב פאר די שלאָפלאָזע נעכט,

וואָס רײַסן אים אָפּ א פאַרכּושטן אַף לאַנג פון דער ערד
און טראָגן אים איבער אין ווײַט —
צעשפּאַלטן דעם אומקרײַז ער זאָל פון מעהאַלעך און צײַט.

וואָס טוט איר?
ער לײַדט דען פון אייפּער און קינע?
וואָס טראָגט איר אים אונטער א וואַרעמען פוטער,
אַן אָנבײַסן זאַטן, א ווייכע פּערינע?
אין אָט די מינוטן
ווערט עפּשער געבוירן בא אים אין די זודיקע בלוטן
דער דין, וואָס געלעגן איז לאַנג אין געהיימניס פאַרבאָרגן,
און אומקערן וועט ער אײַך מאָרגן
און ברענגען צוריק
דעם סאָד, וואָס פאַרלוירן איר האָט, — פון אומענדלעכן גליק...

טשעפּעט ניט, כ'בעט אײַך, דעם טרוימער!

ריידן און שווײַגן

ניט איין מאָל דער וועלט מ׳האָט דערוויַיזן געוואָלט,
אז ריידן איז זילבער, און שווײַגן — איז גאָלד.
א סימען, — געטײַנעט מע האָט און געקנעלט, —
וואָס האָט דער באלדאברען דערגרייכט אף דער וועלט?
גערעדט און גערעדט — וואָס זשע האָט ער געפּוי׳לט:
אין קייטן געשמאכט און אין טפּיסעס געפוילט.
און אויב ניט פארמאכט ס׳האָט זיך ווײַטער זײַן מויל,
געטראָפן עס האָט אים א שטיין צי א קויל...
און דער, וואָס געשוויגן האָט, זעט איר: פארקערט —
ער לעבט, און עס איז אים, כאָלילע, ניט שלעכט...

ריבוינעשעלוילעם, דו האָסט מיר געצאָלט
פאר גוטס און פאר שלעכטס, —
נעם צוריק דיר דאָס גאָלד.
מײַן צונג וועט ניט צוויַעסדיק זײַן און ניט פויל —
דעם עמעס ארויסברענגען בלויז פונעם מויל!..

שרעק זיך ניט, וועווערקע!

שרעק זיך ניט, וועווערקע! שרעק זיך ניט, פיצל:
כ׳בין ניט קיין יעגער און כ׳בין ניט קיין היצעל.

כ׳האָב ניט קיין ביקס און איך האָב ניט קיין בויגן:
לאָז מיך א גלעט טאָן דיך בלויז מיט די אויגן.

ברוין איז דײַן פעלכל, און גיכע — די פיסלעך,
דײַנע — די יאָדלע, און דײַנע — די ניסלעך.

דײַנער — דער הימל, און דײַנער — דער וואלד...
ווילסט ניט — דיך נייטן איך וועל ניט מיט גוואלד.

שטיפן דו מעגסט זיך אין טאנץ אין פארשײַטן —
קוקן איך וועל אף דיר נאָר פונדערווײַטן.

יעדער זײַן היים האָט, און יעדער — זײַן וועג...
שרעק זיך ניט, וועווערקע!.. כ׳גיי מיר אוועק.

אלץ נאָך ווייניק

דאכט זיך, אלץ איך האָב געהאט —
וואָס בעיאד און ניט בעיאד.
צי געוואָלט, צי ניט געוואָלט —
מיר דער גורל האָט געצאָלט
סײַ מיט אומגליק, סײַ מיט גליק,
און מיט שאָלעם, און מיט קריג,
סײַ מיט גוטס, און סײַ מיט שלעכטס,
און מיט אומרעכטס, און מיט רעכטס...

נאָר ס׳איז אלץ געווען מיר ווייניק,
און פארוואָס — אליין כ׳פארשטיי ניט.

דאכט זיך, דאָס, וואָס איז באשערט,
כ׳האָב גענומען אף דער ערד:
וואָס מע טאָר ניט, וואָס מע מעג,
גוטע יאָרן, שווארצע טעג,
אמאָל האָניק, אמאָל סאם,
די יאבאָשע און דעם יאם,
דאָ א גלעט און דאָרט א ריס,
דאָ א קוש און דאָרט א ביס...

נאָר ס׳איז אלץ געווען מיר ווייניק,
וואָס באדארפט — איך ווייס אליין ניט.

דאכט זיך, ס׳האָט פאר מיר די וועלט
אלע פרוּוון אויסגעשטעלט:
סײַ דורך קעלט און סײַ דורך היץ,

סײַ מיט לויב און סײַ מיט שמיץ,
סײַ דורך ליבע, סײַ דורך האס,
סײַ מיט ערנסט, סײַ מיט שפּאס,
סײַ דורך טײַנעג, סײַ דורך נויט,
סײַ מיט לעבן, סײַ מיט טויט...

נאָר ס׳איז אלץ ביז הײַנט מיר ווייניק,
און פאַרוואָס — דעם סאָד כ׳דערגייי ניט.

עפּשער איז אזוי, ווײַזט אויס,
ווײַל מײַן גיריקײַט איז גרויס
און ניטאָ איז קיין לימיט:
וואָס באקומען און וואָס ניט?
און, אפּאָנעם, ווען דאָס לעבן
וואָלט מיר אלס געשאנק געגעבן
מעסושעלאכס לאנגע יאָרן —
וואָלט איך אויך ניט זאט געוואָרן...

מוזיק

אין זאַל אין שטומען איז נאָרוואָס
א טויטע שטילקייַט ערשט געהאנגען —
און מיטאמאָל געטאָן א גאָס
האָט זיך א וועלט מיט וווּנדער־קלאַנגען.

ניטאָ קיין זאַל, ניטאָ קיין ווענט —
פארשווונדן באַלד איז אַלץ געוואָרן,
און אונטער צויבערדיקע הענט
א קישעף־כאָלעם ווערט געבאָרן.

אָט רוישט א יאַם, אָט ווערט ער מילד,
א דונער קנאַלט און שטאַרבט אין ווייַטן —
אָט ווערט אין דיר דאָס בלוט פארקילט,
אָט ברויזט עס אויף אין פלאַם פארשייַטן...

און ניט קיין סטרונעס — קאָנסט דאָס קאָל
פון אייביקייַט אצינד דערשפירן,
מיט גאַנצן לעבן אים באַצאָל —
אַבי דעם כאָלעם ניט פארלירן...

שטילקײַט

ניט יעדע שטילקײַט אינדערעמעסן איז שטיל,
עס טרעפט — זי מעג אן אייביקײַט כאָטש דויערן,
עס רופט בא דיר ארויס אזא געפיל,
אז דורכלעכערן באלד זי וועט די אויערן.

דו זוכסט א סגולע: עפשער וועט דיר פאָרט
פון איר פארפאָלגונג אײַנגעבן זיך ראטעווען —
נאָר פון יעדן ווינקל, יעדן אָרט
זעצט פאָר נאָך דיר איר שטומע פוסטקײַט טשאטשעווען.

דו לויפסט פון איר, ווי פון א בייזער פלאָג,
און בעטסט, ס׳זאָל רוישן, הילכן, קנאקן, האמערן —
אבי דו זאָלסט ניט פילן איר געיאָג,
וואָס וויל אין צוואנגען אירע דיך פארקלאמערן.

לעבן

דער בוים איז יונג געווען, ווי איך,
ווי ס׳אויג אין קאָפּ איך פלעג אים היטן.
א קויל ז׳געקומען אומגעריכט
און האָט אין שטאם זיך אײַנגעשניטן.

כ׳האָב ניט געזען, ווי ס׳האָט זײַן קרוין
פארצאפּלט זיך מיט אלע בלעטער, —
כ׳האָב אלץ פארלאָזט: די שטוב, דעם בוים,
די פעלדער מײַנע און די סעדער.

דער שטאם איז שטארק געווען, ווי שטאָל,
און כאָטש די קויל האָט אים צעלעכערט —
ער האָט געבליט און וואָס א מאָל
געוואקסן שענער אלץ און העכער.

דורך ווײ און בלוט אין הייסן שטרײַט
בין איך געגאַן מיט זיג איניינעם,
מײַן בוים געזען האָב איך פון ווײַט,
מײַן שטוב אין געסעלע אין קליינעם.

ס׳האָט ניט געשראָקן מיך קיין גרויל,
פון שלאָף און רו איך פלעג ניט וויסן, —
ביזוואנען ס׳האָט א בייזע קויל
אין לײַב מײַנעם זיך אײַנגעביסן.

נאָר שטארק געווען בין איך, ווי שטאָל,
קיין קויל האָט ניט געקאָנט מיך נעמען.

געטראָגן כ׳האָב פון היים דעם אָל —
איר ווירדע טאָר איך ניט פארשעמען.

און ווען דעם סוינע כ׳האָב אין הייל
מיט הענט מיט אייגענע דערוואָרגן,
איך האָב זיך אומגעקערט אהיים
מיט זיג אין ליכטיקן פרימאָרגן.

ס׳האָט מיך באגריסט לעם שטוב מײַן בוים,
מיט צווײַט מיט פרישן מיך באגעגנט, —
ער טראָגט ביז איצט מיט שטאָלץ זײַן קרוין,
ווי איך מײַן קאָפּ — דער זון אנטקעגן!..

אָן זיידעס און באָבעס

לאנדסלײַט מײַנע שוין געבליבן ווייניקלעך,
ווילדגראָז האָט מײַן שטעטעלע פארהילט.
אָן די באָבעס זײַנען אויסגעוואקסן אייניקלעך,
אָן די זיידעס האָט מען כאסענעס געשפּילט.

ניט די ליד וועגן דעם קלאָר־ווײַסן ציגעלע
האָט צום שלאָף מײַן זון, מײַן בכאָר, באגלייט —
ס'האָבן יעדן אָוונט בא זײַן וויגעלע
שווארצע שפּארבערס זשעדנע זיך געדרייט.

וואָס זשע ווילט איר פון דעם דאָר אצינדיקן?
— קינדער, — זאָגט איר, — ווייסן ניט פון וויי!..
נו, איז וואָס? באדארפן מיר ניט זינדיקן,
ווײַל מיר האָבן שוין געליטן אויך פאר זיי.

אָפּגעווישטע, אויסגעמעקטע שטעטעלעך —
טרויעריק געוועזן איז זייער סאָף...
קינדער מײַנע, צארטע צווײַגן, בלעטעלעך,
זאָל דער פרידן היטן אײַער שלאָף!

מײַן כסימע

זאָל זײַן, אז צווישן הונדערטער מיליאָנען
מע וועט זי ניט באמערקן.
נו, איז וואָס?
פארמעקן, ווייס איך, וועט די צײַט ניט קאָנען
דעם אויסגעשריי פון מײַן קוואדראטן אָס.

כ׳וועל פאר אן איידעס נעמען כיראָסימע,
מײַן אויסגעראָטן שטעטל נעמען כ׳וועל, —
מיט האנט מיט שטײַפער שטעל איך זי,
די כסימע,
און ניט מיט טינט —
מיט בלוט מײַנעם זי כ׳שטעל.

ניט בלויז פאר זיך.
דאָס צעטל ניט פארמאכט זיך
מיט מיר אליין —
כ׳האָב איידעס אָן א שיר.
אויך פאר מײַן מאמען, וואָס האָט ניט דערווארט זיך,
איך זאָל זיך ווידער אומקערן צו איר.

פאר מײַנע שוועסטער, וואָס אין גריבער ליגן
מיט אייפעלעך געטייטע —
אויך פאר זיי, —
ווי ס׳וואָלט פון יעדן מײַלעכל געשריגן
ביז הײַנט דער ניט־אנשטילטער זייער וויי.

ניט שלאָפן רויק לאָזן זאָל ער קיינעם,
ווי מיך ער לאָזט ניט שלאָפן דורך די נעכט...
זאָל אָפּנעמען די האנט
בא יעדן איינעם,
ווער גרייט איז ווידער פּאָכן מיט דער שווערד!

מײַן הארץ איז ווייך,
נאָר הארט עס איז מײַן סינע —
גיין קעגן אומרעכט
איר אצינד כ׳באפעל.
אין נאָמען פון מײַן שטאם איך שטעל מײַן כסימע,
און ניט מיט טינט —
מיט בלוט מײַנעם זי כ׳שטעל.

א טויב אפן טאנק

א טויב — און א טאנק,
א טאנק — און א טויב:
צוויי זאכן, לעהאוודל, — ווי ריינקייט און שטויב,
ווי פײַער און וואסער, ווי היץ און ווי קעלט,
וואָס זײַנען אין אייביקן קריג אף דער וועלט...

אף שטיינערנעם בערגל, מיט קייטן באראמט —
א גרויזאמער דענקמאָל... מע הערט ניט זײַן שטים.
און קיינער ניט אײַלט זיך באשיצן פון אים,
און קינדער זיך שפילן לעם אים אינעם זאמד...

האָט פלוצעם א טויב אפן טאנק זיך געשטעלט,
פארכידעשט געקוקט אין דער רער, און דערנאָך
א גראבל געטאָן זײַן פארשימלטן מאָך, —
און ס'האָבן פארגאפטע די קינדער געקוועלט:
אויך זיי, ווי די טויב, האָבן קיינמאָל געהערט,
ווי ער האָט מיט פײַער געאקערט די ערד...

אָ, וווּנדערבאר פרידלעך געוועזן איז דאָס בילד!
און אויסגעזען דאָך ס'האָט מעשונע און ווילד:
א טויב — און א טאנק!
א טאנק — און א טויב!
צוויי זאכן, לעהאוודל, — ווי ריינקייט און שטויב,
ווי פײַער און וואסער, ווי היץ און ווי קעלט, —
ווי ענדלאָז און הייפעכדיק איז זי, די וועלט!

באם דענקמאָל אין באבי יאר

מײַן שטים,
מײַן טרער
פאר קײנעם איך אנטבלויז ניט,
אף אײביק שװײַגן איז באשװערט דער צאר.
כ׳בין אײנער פון די הונדערט צװאנציק טויזנט
אין קײװער,
װאָס מע רופט אים — באבי יאר.

קײן נאָמען,
און קײן נומער,
און קײן סימען.
„פֿוי ניטמאָן” און „פֿוי ניקבאָר” — ניט פארקארבט.
איר זוכט מיך ניט —
איר װעט מיך ניט געפינען,
ס׳האָט קײנער מיך צו קװורע ניט געבראכט.

דעם שפּיגל מיט א לײַלעך ניט פארצױגן,
און ניט פארמאכט מיט שטילע טריט די טיר,
קײן שערבלעך ניט געלײגט אף מײַנע אויגן,
אײל מאָלע ראכמים ניט געזאָגט נאָך מיר.

נאָר אויסגעלאָשן איז ניט דער נײר־טאָמיד,
ער שלאָגט מיט העליש פײַער טאָג און נאכט...
הערט אוף צו טומלען, שרײַערס, בא דעם אָמעד!
צו אָט דער שטילקײַט
װער האָט אײַך געבראכט?

קיין קאַדיש־זאָגער וועלן, כ׳ווייס, ניט פעלן,
אויך שיווע זיצן עמעצן ס׳געפעלט...
נאָר יאָרצײַט־ליכט דאָס פאָלק וועט נאָך מיר שטעלן
און אָפּהיטן מײַן לעבעדיקע וועלט.

ניט שאַרקעט מיט די פיס באַם שטיין באַם גלאַטן,
און ניט פאַרשוועכט מײַן הייכן מאָנומענט —
צעשמעלצט אַף רערן בעסער די האַרמאַטן,
די ביקסן רײַסט אַרויס פון ווילדע הענט!

איך בין אַ שטיין.
פון אונטער מיר די רויזן
זיך שלאָגן דורך אַ וועג
צו זון —
דורך צער...
כ׳בין איינער פון די הונדערט צוואַנציק טויזנט
אין קייווער,
וואָס מע רופט אים — באַבי יאַר.

מײַן ייִכעס־צעטל

טײַערע נעמען,
געלײַטערטע נעמען...
כ׳דאַרף מיט מײַן ייִכעס זיך קיינמאָל ניט שעמען:
װעלקע דער קירזשנער, איציק דער שמיד...
פּונקט װי געטאָן װאָלט אין האַרצן אַ שניט...

ס׳זײַנען די שטעטלעך פון לאַנג שוין פאַרשװוּנדן,
ס׳בלוטיקן אָבער ביז הײַנט נאָך די װוּנדן,
כ׳טרעט אויף דער ערד — און מיר דוכט זיך, עס שרײַט
יעדער פון זיי מיט זײַן װיי פון דער װײַט.

טײַערע נעמען,
געלײַטערטע נעמען...
פרעגן פאַרװאָס און פאַרװען איצט באַ װעמען?
ריװקע — מײַן מאַמען גערופן מע האָט,
צירל — מײַן באָבען — צי איז דאָס אַ שפּאָט?

אַלע — פאַרגאַנגען, און אַלע — פאַרלאָרן,
קלאַפּן זיי אַלץ נאָך צו מיר אין זיקאָרן...
קינדער און אייניקלעך מײַנע, ניט פרעגט —
אַלץ איז פאַרמעקט, נאָר ס׳איז קיינער פאַרמעקט.

טײַערע נעמען,
געלײַטערטע נעמען...
װעלן די יאָרשים די װײַטע באַנעמען,
אַז כ׳האָב מײַן ייִכעס אין װירבל פון יאָרן
טאָמיד געהיט — און אויף אייביק פאַרלאָרן...

דער מאַמעס ניגון

אין שטראַל פון זון, אין זאַפט, וואָס שלאָגט פון זאַנג,
אין קרוין פון בוים, וואָס האָט זיך שטאָלץ פאַרהויבן, —
ער גייט צו מיר, ער טראָגט, ווי א געשאַנק,
מיר מוט און גלויבן.

— נו, קום! — ער רופט, — כ׳וועל ברענגען דיך צוריק
אַהין, ווו האָסט דעם ערשטן קלאַנג געקריגן!
און כ׳הער: עס זינגט די מאַמע בא מײַן וויג
א צאַרטן ניגון...

אין וועג אין ווײַטן האָט ער מיך באַגלייט,
מיט ליבע מיר פאַרטרויט זײַן קוואַל זײַן קלאָרן, —
פון דעמלט כ׳שעפּ אין אים אי טרייסט, אי פרייד
אַזויפיל יאָרן.

און ווען פאַרצווייפלונג שטורעמט מײַן געמיט
און פּרוווט מיט ווײ און לייד דאָס האַרץ באַזיגן,
צום קוואַל איך גיי — און קראַפט מיר ווידער גיט
דער מילדער ניגון.

ער קלינגט, ער רופט, און מעכטיק איז זײַן מאַכט —
דורך בראָך און כורוועס, דורך געהילך פון קריגן, —
איר הערט?
ער לעבט!
ער דונערט, ברויזט און לאַכט —
פון פאָלק דער ניגון!...

טויעלעך

טויעלעך בלישטשען אף גרעזעלע גרינעם,
קײַקלען זיך, קײַקלען פון שטענגעלע דינעם,
פינקלען אין זון־שײַן מיט טויזנטער פארבן:
— מיר ווילן ניט שטארבן!
— מיר ווילן ניט שטארבן!

מיינען די שטראלן, אז קאלט איז די טראָפּנס,
שטעלן ארונטער די הענט זיי צוקאָפּנס,
נעמען זיי גלעטן, און האלדזן, און ארעמען:
— מיר וועלן אײַך ווארעמען!
— מיר וועלן אײַך ווארעמען!

וויגן די שטראלן די טויעלעך, וויגן —
גוט איז אין זוניקע אָרעמס צו ליגן,
לעשן זיך אייגעלעך — טראָפּן נאָך טראָפּן:
— מיר ווערן אנשלאָפן!
— מיר ווערן אנשלאָפן!..

כאפט זיך דאָס גרעזל אין שפּעטן באגינען,
זוכט זײַנע טויעלעך — קאָן ניט געפינען,
בעט עס און רופט צו די שטראלן מיט טרערן:
— גיט אָפּ מיר די פּערל!
— גיט אָפּ מיר די פּערל!..

פארשפעטיקט

כ׳האָב געוואָלט דער ערשטער זען די קנאָספּן,
ווען א בלאט נאָך בלאט געבוירן ווערט —
אָט דעם ווונדער אומבאגרייפלעך־פּראָסטן,
וואָס באנייט מיט אייביקייט די ערד.

טאָג און נאכט געלויערט כ׳האָב פארבאָרגן
נאָכן בוים — פון וואָרצל ביז דער קרוין...
מיטאמאָל א לויטערער פרימאָרגן
אָנגעזאָגט מיר האָט די נייס:
— נו, שוין!

יאָמטעווודיק און יונג מיט צווייגן אלע,
איינגעהילט אין פוכיק־גרינעם שוים,
ווי אין שלייער א פארשעמטע קאלע,
האָט געפלאטערט קעגן זון דער בוים.

דוכט, מיין אויג, וואָס קיינמאָל זיך ניט זעטיקט,
האָט געשפּירט נאָך דעם, וואָס דארף געשען...
ווען זשע, זאָגט, האָב איך אזוי פארשפּעטיקט?
ווען האָב איך דעם גרויסן נעס פארזען?..

דער לעצטער בלאט

דער שענסטער בוים פון אונדזער סאָד
האָט הײַנט דעם לעצטן בלאט פארלאָרן —
האָט ער געיאָגט איבער דער שטאָט
און צווישן טויזנט — ניט געוואָרן...

פון בעסטן, וואָס איך האָב געהאט,
פון טײַערסטן, וואָס איז פארבליבן, —
מײַן גוטער בלאט, מײַן שיינער בלאט,
ווּהין, מיר זאָג, האָט דיך פארטריבן?

כ׳האָב זיך געלאָזט נאָך אים אין וועג,
ווי אף א פארביק־העלן טישטעך,
בא יעדער שטעגעלע געפרעגט
און אונטער יעדן שטיין גענישטערט.

נאָר קיינער האָט מיר ניט געוואָלט
דעם סאָד אנטפּלעקן — אלץ געשוויגן.
געטראָטן כ׳האָב אף שטיקער גאָלד
און ניט געהערט, ווי ס׳האָט געשריגן...

און עפשער שרײַט עס גאָר מײַן בלאט
און וואַרט אף מיר דאָ אומגעדולדיק?
אזא מין וויי, אזא פאראט —
און ווער איז אין דער אוולע שולדיק?

צי עפשער גאָר אף שאנד און שפּאָט
זיך נויקעמען אין מיר די יאָרן?
...דער שענסטער בוים פון אונדזער סאָד
האָט הײַנט דעם לעצטן בלאט פארלאָרן...

צוזאמען

אף גרינע בלעטער — ווײַסער שניי.
מיט זילבערדיקע שפּיזלעך שפּינט ער
געוועבן זײַנע קאָלערליי —
דעם ערשטן אָנצוג פאַרן ווינטער.

פאַרמאַטערט, ווי נאָך א געפּעכט,
אין סוידעספּולן שטילן שווײַגן
די ביימער נייגן צו דער ערד
די ווײַסע לאַסט פון שווערע צווײַגן.

און בלויז א קוסט פון פלאָקסן שטייט
מיט רויטן פּראַכט אין סאָד פאַרגאַפּטן:
ס׳האָט איבער אים זײַן קרוין צעשפּרייט
א יונגער דעמב, נאָך פול מיט זאַפּטן.

א שירעם האָט ער אים געמאַכט,
דער שניי דעם קוסט זאָל ניט פאַרדאַרבן, —
כאָטש נאָך איין טאָג, כאָטש נאָך איין נאַכט
אים זען לעם זיך אין אַלע פאַרבן.

4—1388

די בערעזע

צווישן גײַוועדיקע טאַנען
מיט די נעדעלעך פאַרקעמטע
איז אינמיטן וואַלד געשטאַנען
א בערעזע א פאַרשעמטע.

גרין צעוואַקסן אירע שכײנים,
זי אַליין בלויז נאַקעט שטייט נאָך —
גיי דערצייל זיי, יעדן איינעם,
אַז איר פרילינג־קלייד מע נייט נאָך!

דאַכט זיך איר, מע קוקט אומיסטן
מיט די נײַגעריקע אויגן:
— זעט, די ווײַסע אירע בריסטן
האָט קיין בלאַט נאָך ניט פאַרצויגן...

גראָווע האָר

ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל אין לעבן
דאָס ווײַס־גראָוו הערעלע דאָס קליינס
באמערקט, — כ'האָב מיט דער האנט געגעבן
א פיר — עס אָפטרייסלען געמיינט.

ס'איז דאן נאָך ניט געווען פאראָסטעט,
ווי איצט, מײַן קאָפּ מיט ווײַסן שוים:
א פעדערל, ווי פוך, וואָס פראָסט האָט
פארפלאָנטערט זיך — באמערקבאר קוים.

נאָר ס'האָט זיך אײַנגעשפארט — לאכלותן
פארלאָזן ניט געוואָלט מײַן קאָפּ,
און ניט מיט שלעכטן, ניט מיט גוטן
פארטרײַבן עס געקאָנט איך האָב...

און כ'בין דערגאן: קיין שום וויקועך
וועט דיר ניט העלפן — וויסן דארפסט:
א בלאט נאָך בלאט פון לעבנס־לועך
שוין פאלט, ווי פון א בוים אין הארבסט.

נאָר ס'איז דעם קאָפּ מײַנעם באיאָרטן
דאָס אלץ געווען דאָך ניט אלציינס...
פארפלאָנטערט האָסט מיר וויפל קאָרטן,
דו, ווײַס־גראָוו הערעלע דו קליינס!

פון יענעם איינציקן געוואָרן
איז שוין א וואלד מיט ווײַסן שניי —
נאָר כ'מאָן נאָך אלץ בא זיי די יאָרן,
ווי שולדיק בין ניט איך, נאָר זיי...

באגײַסטערונג

א גאָלדענער אָסיען,
א טײַערער אָסיען,
אָן אָסיען אף זייען,
אָן אָסיען אף קאָסיען,
מיט פּיירעס, וואָס בייגן די צווײַגן פון בוים,
מיט אומרו, וואָס רײַסט זיך און ווייסט ניט קיין צוים.

ווי עמעץ באַפוילן
מיך אופוועקן האָט אים —
איך הער הינטער פּלייצע
אָן אופהער זײַן אָטעם:
א מילדער, א ווילדער, א וואכער — ער שטראָמט,
ער רעדט ניט — ער פאָדערט!
ער בעט ניט — ער מאָנט!

א גאָלדענער אָסיען,
א טײַערער אָסיען —
מיר וועלן נאָך זייען!
מיר וועלן נאָך קאָסיען!..

דאָס ניט דערזאָגטע וואָרט

כ׳האָב זיי געשליפן, זיי געהיט,
א קלאנג צו קלאנג איך האָב געקליבן,
נאָר ס׳שענסטע וואָרט, די בעסטע ליד
איז נאָך אין הארץ בא מיר געבליבן.

און אָפט, ווען כאָטש אף איין מינוט
בא מיר זי בעט אנשטילט צו ווערן,
דאָס ניט דערזאָגטע וואָרט אין בלוט
ברויזט אוף און לאָזט פון רו ניט קלערן.

איך בין זײַן קנעכט, איך בין זײַן האר,
און קיינער קאָן אונדז ניט צעשיידן,
און פרייד און גליק, און לייד און צאר
מיט גלײַכער מאָס אונדז טיילןביידן.

און בלײַבן זאָל מיר אף דער ערד
איין טאָג, ווען נאָך די פיס מיך טראָגן,
איך גלייב און ווייס: ס׳איז מיר באשערט
דאָס שענסטע וואָרט מײַנס נאָך דערזאָגן!

כ׳רוף צו דיר

19—1

כ׳רוף צו דיר

כ׳רוף צו דיר, ווען ס׳קומט דער כוישעך
אײַנהילן אי קליין, אי גרויס:
פון דער גאנצער וועלט דער גרויסער
איין־אליין דו פעלסט מיר אויס.

כ׳רוף צו דיר, ווען דער באגינען
שענקט דער וועלט א יאם מיט ליכט:
וועלדער רוישן, פעלדער גרינען,
פויגלען זינגען — דײַן געזיכט.

כ׳רוף צו דיר אין טאָג אין העלן,
יעדן ווינקל כ׳נישטער אום,
כ׳וועל אף ראנד פון וועלט זיך שטעלן:
עפשער גייסטו דאָרט ארום.

גייסט צו מיר, צי עפשער דאכט זיך —
ס׳איז דײַן קאָל און ניט דײַן קאָל?
וואָס זשע רײַסט אזוי דאָס הארץ זיך,
ווי כ׳וואָלט ליבן ס׳ערשטע מאָל?..

האָסט אפילע ניט געוווּסט...

האָסט אפילע ניט געוווּסט —
ניט געוואגט כ׳האָב זאָגן,
ווי דאָס הארץ זיך רײַסט פון ברוסט,
הערט ניט אוף צו נאָגן.

שטילערהייט נאָך דיר כ׳פלעג גיין,
ווי א טרײַער שאָטן,
כ׳האָב געייפערט יעדן שטיין,
ווו דו ביסט געטראָטן.

אף א רעגע שטעלסט זיך אָפּ —
דארפסט מיך גאָרניט פרעגן,
וואָס פארבויגן איז מײַן קאָפּ,
ווען דו קומסט אנטקעגן.

טוסט א קוק — איך זע אין בליק
בלויז פארשײַטע פונקען,
א מינוט גיט אויס — אין גליק
ווער איך שיר דערטרונקען.

וויפל מיידלעך אף מײַן וועג
האָבן זיך געטראָפן —
אלע אויסמײַדן איך פלעג,
בלויז נאָך דיר געלאָפן...

שענק מיר!

שענק מיר פון דײַן שמייכל
נאָר איין טראָפּן כיין —
נאָכן רוף דײַן ווייכן
אייביק וועל איך גיין.

שענק מיר פון דײַן קלאָרן
בליק איין טראָפּן שײַן —
אלע מײַנע יאָרן
וועט מיר ליכטיק זײַן.

שענק מיר פון די ליפּן
נאָר איין טראָפּן ווײַן —
קיינמאָל כ׳וועל ניט וויסן,
וואָס הייסט ניכטער זײַן.

לאכט מען...

— ס'האָט דײַן ליבע, זאָג, אווּעלכע אויגן?
זאָג איך:
— שפּיגלען! זונען־שפּיגלען צוויי.
לאכט מען:
— ניט געשטויגן, ניט געפלויגן —
האָסט מיסטאמע ניט געקוקט אין זיי!

ענטפער איך זיי בייז:
— וואָס הייסט, נאַראָנים?
האָט איר דען געזען אזא מין פּראכט?
לאכט מען ווידער:
— האָסט אין שלאָף, אפּאָנעם,
זיי געזען ניט אָפן, נאָר פארמאכט!

ווער איך אָנגעצונדן שוין מעסוקן:
— לאכן מעגט איר, וויפל נאָר איר קענט,
אָבער אף דער זון ווי קאָן מען קוקן —
ווערן קאָן מען פון דער שײַן פארבלענדט!

און אויב אמאָל עס טוט מיר ווײ

איך ווייס, איך ווייס — ס׳איז אויסגעטראַכט,
ס׳איז פון א מײַסעלע גענומען,
אז כאַווע ניט פון מוטערס טראַכט
איז אַף דער העלער וועלט געקומען.

נאָר איבערכאַזערן מיר ליב
איז אַלעמאָל די מײַסע־נוירע,
ווי מײַסטעריש פון אָדאָמס ריפּ
געשאַפן כאַווען האָט דער בוירע.

נאָר ווי דאָס איז דאָרט ניט געווען,
מיט גאַנצן סייכל איך באַנעם עס,
מיר גלייבן ווילט זיך, אַז געשען
איז טאַקע אָט אַזוי בעעמעס.

ווײַל ווי דער טײַערסטער געשאַנק,
וואָס ס׳האָט דער גוירל מיר געגעבן,
געוואָרן ביסטו שוין פון לאַנג
א שטיק פון מײַנעם לײַב־און־לעבן.

און אויב אמאָל עס טוט מיר ווײ,
ווען כ׳מוז אַף לאַנג מיט דיר זיך שיידן,
ביז ווייטעק דעמלט איך פאַרשטיי,
אז ס׳איז פון אָדאָמס ערשטע ליידן...

דער גרויסער סאָד

האָסט געזאָגט, אַז קיינער וועט ניט וויסן:
ס'וועט די נאַכט דעם גרויסן סאָד פאַרשליסן.

און דער וואַלד — כאָטש דראָע מיט אַ מעסער --
וועט אים האַלטן אונטער זיבן שלעסער.

און די סאָווע, וואָס איז דורכגעפלויגן,
האַלטן אויך וועט צוגעמאַכט די אויגן.

און קעדיי איך זאָל פאַרשעמט ניט ווערן,
אויסלעשן זיך וועלן אַלע שטערן.

און אַז די לעוואָנע זאָל ניט קוקן,
וועט זי אין אַ וואָלקן זיך פאַרוקן...

ווער זשע אויסגעפּלאַפּלט האָט דעם סאָד,
אַז מיט אים איצט רוישט די גאַנצע שטאָט?

דרײַ טיולפּאַנען

דרײַ טיולפּאַנען האָט ער איר געבראַכט —
זײַנען זיי געווען אַליין די פּראַכט.

אף די גרינע שטענגלעך — שטיקער פלאַם:
פּונקט ווי אירע ליפּן — מאָלע־טאַם.

וויפל בלומען לעבן איז באַשערט —
האָט איר ליבע זיך מיט זיי גענערט.

ווען די ערשטע בלום האָט אָפּגעדאַרט,
האָט ער איר געזאָגט: „ס'איז לאַנג די נאַכט!"

ווען די צווייטע איז געבליבן פּוסט,
האָט ער איר געזאָגט: „צו קאַלט דו קושסט!"

ווען די דריטע איז געבליבן הויל,
האָט קיין וואָרט ניט אויסגעבראַכט זײַן מויל...

דרײַ טיולפּאַנען האָט ער איר געבראַכט —
ליגן זיי פאַרדאָרבן און פאַרדאַרט...

די אָפגעהאַקטע קרוין

ס׳האָט א בליץ געטראָפן אינעם בוים —
אָפגעשניטן מיט זײַן האק די קרוין.

אָט אזוי געוועזן עס איז באשערט —
גרינע צווײַגן אף דער שווארצער ערד.

איז דער שטאם געבליבן הויל און שטום
און געקוקט מיט ווייי אפן ארום.

נאָר די וואָרצלען האָבן ניט געוווסט,
אז עס איז דער בוים געבליבן פוסט.

און, ווי פריִער, מיט דער זעלבער קראפט
האָבן זיי צום שטאם געיאָגט דעם זאפט.

און געפלאָסן האָט ער פונקט ווי בלוט —
טאָג און נאכט, קיין רעגע ניט גערוט...

גוואָזדיקעס אפֿן שנײ

איך ווייס, אז דו האָסט אף מיר לאנג דאָ געוואַרט,
א בינטל גוואָזדיקעס איך האָב דיר געבראַכט.
א בינטל גוואָזדיקעס — ווי פלאַמען פֿון ליכט,
וואָס כאַפּן ארויס פֿונעם שנײ דײַן געזיכט.
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אפֿן שנײ...

פֿאַרוואָס זשע די אויגן דו האַלטסט נאָך פֿאַרמאַכט?
עס איז דאָך פֿון לאַנג שוין צערונען די נאַכט,
א פּרעכטיקער טאָג האָט אין גאַנג זיך געלאָזט —
א וווּנדער־באַוווּנדער: א זון מיט א פֿראָסט.
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אפֿן שנײ...

צי עפּשער ווײַל ס׳בלענדט אין די אויגן דער שנײ,
צי עפּשער דערפֿאַר, וואָס דיך לאָזט ניט דער ווײ,
צי עפּשער דערפֿאַר, וואָס געגאַנגען כ׳בין לאַנג
און כ׳האָב זיך פֿאַרהאַלטן אין פֿײַנלעכן גאַנג?
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אפֿן שנײ...

איך דאַרף ניט, איך וויל ניט קיין אַנדערן לוין:
אין אויגן אין דײַנע א קוק טאָן — און שוין...
א בינטל גוואָזדיקעס איך האָב דיר געבראַכט —
ווי ליכט, וואָס זײ ברענען באַטאָג און באַנאַכט.
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אפֿן שנײ...

אָן און ענטפער

ווי א בלינדער טאַפּט מיט זײַן שטעקן
אין אומענדלעכקײַט איבער שטרעקן,
כ׳זוך דײַן װאַרעמקײַט,
כ׳זוך דײַן צאַרטקײַט,
דײַן נאָכגיביקײַט
און דײַן האַרטקײַט.

נאָר אַף קער און װענד — הױלע פּוסטקײַט,
און אַרום איז אַלץ — אומבאַװוּסטקײַט.

כ׳זוך דײַן נאָענטקײַט,
כ׳זוך דײַן אָטעם —
צוגענומען װער בא מיר האָט אים?
און עס קלאַפּט און קלאַפּט,
קלאַפּט מײַן שטעקן
איבער גאָר דער װעלטס װעגן־שטעגן.

כ׳זוך דײַן דאָזיקײַט,
כ׳זוך דײַן מילדקײַט,
כ׳זוך דײַן רױשיקײַט און דײַן שטילקײַט.
עפּשער האָסטו זיך װוּ באַהאַלטן
און אָט־אָט דײַן קאָל װעט א שאַל טאָן?

און מײַן שטעקן קלאַפּט —
ס׳ענטפערט קײנער,
בלױז א װידערקאָל פון די שטײנער...

5—1388

טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט

א ווײַסע בערעזע מיט טויִקע טראָפּנס,
וואָס קײַקלען אראָפּ זיך פון בלעטער, ווי טרערן,
אוועקגעשטעלט האָט זיך באַם קייווער צוקאָפּנס,
ווי גלײַך זי וואָלט גרייט זײַן א שוימער דיר ווערן.

איך ווייס ניט, ווער ס׳האָט זי פארפלאנצט און געקעכלט
און וויפל פארקארבט אין איר שטאם זײַנען יאָרן —
ס׳האָט קיינער געציילט זיי, ס׳האָט קיינער גערעכנט,
צי עפשער מ׳האָט פּאָשעט דעם כעזשבן פארלאָרן.

און ווען דאָ פרעגן, בא ווען דאָ מאָנען —
גענומען דו האָסט זיך, בערעזע, פונוואנען,
א רוק געבן זיך ביסט בעקויעך, כ׳זאָל קאָנען
זיך שטעלן לעם איר, ווי כ׳בין שטענדיק געשטאנען?

פון שנייען און שטורעמס, אפּאָנעם, געוואָרן,
אזוי ווי דער שטאם דײַנער, ווײַס איך מײַן קאָפּ איז,
און ציילן מע דארף ניט קיין טעג און קיין יאָרן —
טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט דאָ צוקאָפּנס.

א שאָטן איך וועל פון דער זון־שײַן איר געבן.
פון רעגן און שניי מיט מײַן קרוין זי פארדעקן,
באטאָג און באנאכט, ווי אמאָל אין איר לעבן,
זײַן גרייט אלעמאָל איר פארלויפן די וועגן...

טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט דאָ צוקאָפּנס!..

טו זיך אָן אין שענסטן קלייד

ס׳האָט א שטויב באַדעקט דעם שראַנק,
איך און ער — אַליין נאָר,
צוגעריירט זיך שוין פֿון לאַנג
האָט צו אים ניט קיינער.

אַלץ פֿאַרלאָזט, ניט צוגעראַמט,
און די טירלעך — אָפֿן.
עפּעס האָסטו זיך פֿאַרזאַמט —
וואָס זשע האָט געטראָפֿן?

זע, די זון אַט־אַט פֿאַרגייט,
און די לופֿט איז זויבער.
קלײַב זיך אויס דאָס שענסטע קלייד,
וואָס עס פּאַסט אַזוי דיר.

און דאָס פֿינגערל טו אָן,
ס׳שנירעלע קאָרעלן, —
ליב דו האָסט, ווען איך דערמאָן,
אַז ס׳איז מיר געפֿעלן.

אַז שפּאַצירן כ׳האָב קיין צײַט,
וועל איך דיר ניט זאָגן.
ווילסטו — נאָענט, ווילסטו — ווײַט,
אַלץ וועל איך פֿאַרטראָגן.

ס׳האָט א שטויב באַדעקט דעם שראַנק,
און די טירלעך — אָפֿן.
ווו זשע ביסטו אַזוי לאַנג?
וואָס זשע האָט געטראָפֿן?

איך גיי

צווישן דיר און צווישן מיר — א גאנצע וועלט,
בערג און טײַכן אפֿן וועג מע האָט צעשטעלט,
נאָר פארצוימען ניט בעקויעך זײַנען זיי —
און איך גיי צו דיר, און גיי צו דיר, און גיי.

שטורעמס בושעווען אף יעדן שריט און טריט,
און די ערד אונטער די פיס מיט פײַער בריט,
און — צעבלוטיקטע — די וואונדן טוען וויי —
נאָר איך גיי צו דיר, און גיי צו דיר, און גיי.

אלע טײַכן וועל איך איבערשווימען דרייסט,
אלע בערג כ׳וועל איבערקלעטערן, דו ווייסט,
אין געראנגל גיין מיט כײַעס קאָלערליי, —
ווײַל איך גיי צו דיר, און גיי צו דיר, און גיי...

ווי דאָס גלעקעלע קלינגט!

ס׳טוט א פויק פון דער ווײַט,
פון דער נאָענט — א שאל,
און מיט טויזנטער קוילעס און קעלעכלעך
עס פארגייט זיך פארשײַט,
ווי א דונער — א קנאל
און צעשיט זיך אף זילבערנע טרעלעכלעך.

אָט עס הערט זיך פון רעכטס,
אָט עס טראָגט זיך פון לינקס,
אָט עס ברעכן זיך טירן און טויערן, —
וויפל טעג, וויפל נעכט
מיר דאָס גלעקעלע קלינגט,
מיר דאָס גלעקעלע קלינגט אין די אויערן...

כ׳נעם זיך יאָגן נאָך אים,
ווי געטריבן פון ווינט,
כ׳קלעטער אום ווו א שטעג, ווו א שטעגעלע.
ס׳דוכט, אָט איז זי, די שטים,
מיטאמאָל זי פארשווינדט —
ערגעץ האָט זיך פארטײַעט מײַן גלעקעלע.

גיי איך אָפּ — ווידער ס׳זינגט,
עס צעטרייסלט די לופט,
ס׳נעמט מיך בויערן, בויערן, בויערן, —
און דאָס גלעקעלע קלינגט,
און דאָס גלעקעלע רופט,
און דאָס גלעקעלע הילכט אין די אויערן..

מיטגעפּיל

ער שטייט — אַן אויסגעדאַרטער שטאַנג —
פֿון שיינעם בוים אַ גרויער שאָטן.
מ׳האָט אים פֿאַרגעסן שוין, כאָטש לאַנג
ער האָט געלעבט, געבליט, געראָטן.

נאָר ווען די האַק מיט גאַנצן קוי׳ך
האָט אים דעם ערשטן קלאַפּ געגעבן,
אַ יונגער עפּלבוים דערנעבן
פֿון ווײַ פֿאַרצאַפּלט האָט זיך אויך.

אים האָט זיך אויסגעדוכט, מיסטאָם,
אַז ווען־ניט־איז, ווי אָט דעם אַלטן,
אַ האַק וועט קומען און זײַן שטאַם
אויף שפּענער אָן ראַכמאָנעס שפּאַלטן...

דער געלער בלאַט

דער ערשטער געלער בלאַט איז ווי אַ צירונג.
די גרינע בלעטער קוקן אויף אים גיריק.

— ווי שיין ער איז! — זיי גאַפן, פול מיט קינע.
זיי ווייסן ניט, די ברידער זיינע גרינע,

אַז איבעריק עס איז דאָ די אַנציקונג —
שוין דאַר, שוין קוואַר, עס ווערט דער בלאַט פאַרטריקנט...

און כאַפּן זיך זיי וועלן דעמלט ערשט,
ווען ליגן וועט ער אויף דער שוואַרצער ערד.

אינמיטן וועג

אזא איז ער פארקארבט אין מיר געבליבן —
דער לעצטער צוריר צו פארשטארטע ליפן,

דער לעצטער צאפל פון פאַרקילטן הארץ —
און אלץ איז מיטאמאָל געוואָרן שווארץ.

ווי אָט דער נעפל אף פארמאכטע אויגן,
מיט וואָלקנס האָט דער הימל זיך פארצויגן.

באהאלטן האָט אין שאָטן זיך די זון, —
נאָר דו האָסט ניט געוווסט שוין פון דערפון.

אזא איז ער פארקארבט אין מיר געוואָרן —
דער טאָג, וואָס האָט זײַן ליכט־קוואל אָנגעוואָרן.

דער טאָג, וואָס איז אין גאנג געבליבן שטיין
און מיך געלאָזט אינמיטן וועג אליין.

וואָלט איך מײַן רוף געוואָלט צו דיר איצט קערן —
איז וועסטו סײַוויסײַ מיך ניט דערהערן.

ווײַל אָפגעשטעלט די צײַט האָט איר געלאָף,
און ניט קיין אָנהייב האָט זי און קיין סאָף.

— אזא איז ער פֿארקארבט אין מיר געבליבן
דער קאלטער גליוּוער פֿון פֿארשטארטע ליפּן,

— דער לעצטער ציטער פֿון פֿארפֿרירטן בליק
און ניט פֿאָרויס צו גיין, און ניט צוריק...

קינדער שיקן בריוו, ווי טעלעגראַמעס...

קינדער שיקן בריוו, ווי טעלעגראַמעס:
שווער, ווײַזט אויס, איז שרײַבן זיי א סאך...
קאָנען זיך ניט צוגעוווינען מאַמעס
צו דער קאַרגער, שפּאָרעוודיקער שפּראַך.

וואַרט די מאַמע וואָכן אומגעדולדיק,
וואַרט און גלייבט, און ס'דוכט איר שטענדיק אויס:
ניט איר זון — די פּאָטשט איז זיכער שולדיק,
וואָס יעדע'ס מײַדן אויס איר הויז.

בעטן — איז ניט שײַעך (אוי, א שטיפער!
מיר זאָל זײַן פאַר זײַן פאַרשײַטן קאָפּ!).
בלויז א קנייטש א נײַער און א טיפער
שטעמפּלט זיך אויף שטערן אירן אָפּ...

און אויב עמעץ דאָרטן אים באַליידיקט?
עפּשער קלאַפּט אַן אומגליק אין זײַן טיר?
עפּשער, ווי אַמאָל, זי איז אים נייטיק,
און ער וואַגט ניט קלאָגן זיך פאַר איר?

קורצע בריוועלעך, ווי טעלעגראַמעס,
קאַרגע שורעס און א בלאַסע שפּראַך.
קינדער, קינדער, זשאַלעוועט די מאַמעס,
ס'איז א מאַמע איינע, איר — א סאַך...

יונגע באָבעס

גנייווויש זיך א דריי געטאָן באַם שפּיגל,
די פריזור צעשויבערטע פאַריכט...
וואָס זשע האָט דאָס אייניקל פון וויגל
אָנגעשטעלט די אויגן אומגעריכט?

פונקט אזוי האָט נעכטן איר מיזיניק
אויך צו איר די הענטעלעך געשטרעקט...
אָ, ווי ס׳יאָגט די צײַט אזוי אומזיניק,
יאָגט — און מיטאנאנדער אלץ פאַרמעקט!

אלץ — און שוין?
פאַרוואָס זשע גיט א שטאָך עס
פלוצעם און דאָס גאנצע בלוט צעצינדט?
און דער אָוונט — פונקט ווי אַף צולאָכעס —
רײַסט ארײַן אין הארץ זיך, ווי א ווינט.

דורך צעפראַלטן פענצטער קאָן מען הערן:
ס׳שושקעט זיך אין סקווער א יונגע פּאָר...
נו, איז וואָס? געמעגט זי וואָלט זיך שווערן,
אז עס גייט ניט אָן איר אַף קיין האָר.

נארישקײַטן! — מענטשן ווילן לאכן —
כויזעקן, זיך שושקען אינדערשטיל...
עפּשער בלויז דאָס פענצטער אָט פאַרמאכן —
עפּעס איז געוואָרן, דאכט זיך, קיל...

וואָלט מען אויך דאָס האַרץ געקאָנט פאַרוויגן
אָט אַזוי — ווי מע פאַרוויגט אַ קינד...

יונגע באָבעס שטייען פאַרן שפּיגל:
קערט זיך אָפּ — זײַט מוחל זיי די זינד!

א רעפּוע

א לעפּל —
דעם טאַטן,
א לעפּל —
דער מאַמען.
— אַט זעסטו? ס׳איז גאָרניט —
מע קאָן זיך ניט סאַמען!

עס העלפט ניט קיין בעטן,
עס העלפט ניט קיין ריידן:
א לעפּל —
דער באָבען,
א לעפּל —
דעם זיידן.

אַט־אַט פון דעם פלעשל
וועט זען זיך די דעק...
נאָר ס׳וויל די רעפּוע
ניט פרוון דער שנעק...

— נא, קוציק,
נא, מורקע,
ניט דריי מיטן קעפּל.
א לעפּל —
דעם הינטל,
א לעפּל —
דעם קעצל...

ס׳איז ביטער דעם טאטן.
ס׳איז ביטער דער מאמען,
דער באָבע, דעם זיידן
און אלע צוזאמען.

די מאָרדעלעך וואשן
דער הונט און די קאץ,
נאָר יאנקעלע וויל ביט —
כאָטש לייג זיך און פלאץ...

און אויב...

יעווען

און אויב איך האָב געהאט נאָך גליק
זיך ווידער אומקערן צום לעבן,
ס'זאָל ניט צעשטערט ווערן דער בריק,
וואָס גיין אַף אים איז מיר געגעבן, —

און אויב געהאט איך האָב די רעכט
צו זײַן באַגלייבט באם גורל קארגן,
עס זאָל ניט קומען דורך די נעכט
דער שוידער און מיך נעמען ווארגן, —

און אויב באשערט איז מיר צו גיין
נאָך אַף דער ערד און זײַן געדולדיק, —
איז דו אליין נאָר, דו אליין,
נאָר דו אליין אין דעם ביסט שולדיק.

די האנט האָסט אויסגעשטרעקט פון ווײַט —
דורך ווינט און קעלט, דורך שניי און רעגן, —
און כ'האָב דערהערט: מײַן מאלקע רײַט
אין איר קארעטע מיר אנטקעגן.

און ווען אפילע נאָך ביז הײַנט
מיך שרעקט די פלאָג אין שאָען שפעטע, —
מײַן מאלקע לויכט צו מיר און שײַנט
פון אָט דער גאָלדענער קארעטע.

באלאדעס

6—1388

באלאדע וועגן זין ראָמאנטיקער

ניט פארגעסן אָט יענע צײַטן —
נאָך ביז איצט פאר די אויגן עס שטייט:
פונעם שטעטל אין וועג אין ווײַטן
איר בעניאָכיד די מאמע באגלייט.

פון די אויגן זיך גיסן טרערן,
זי באוויינט אים, זי קערט א וועלט:
— ס׳גייען אום דאָרט, זאָגט מען, בערן!
און וואָס דארפסטו, און וואָס דיר פעלט?

נאָר דער זון איז פון יענע יאטן,
וואָס זיי זוכן שוין ניט פון לאנג
ניט קיין רו, ניט קיין טיש קיין זאטן —
אים ראָמאנטיק אהער דערלאנג!

— דו פארשטייסט מיך, עס ווארט די טײַגע,
קאָמסאָמאָלסק ווארט און ביראָבידזשאַן!
— נו, איז וואָס? ס׳איז דײַן טאטנס דײַגע?
ווייניק ארבעט איז דאָ פאראן?

נאָר דעם סייכל פארשטיין ווי קאָנען
זין און טעכטער פון נײַער צײַט?
און געיאָגט האָבן עשעלאָנען
און געשטורעמט די ווײַטסטע ווײַט!

ס׳האָבן אָפּגערוישט יענע יאָרן,
יענע מאמעס ניטאָ שוין לאנג,

ס׳זײַנען זיידעס די זין געוואָרן,
און עס טוט זיי ביז איצט ניט באנק —

ניט דער וועג פונעם שטעטל קליינעם,
ניט די צוגווינטן אפן וועג.
כאָטש א דענקמאָל איעדן איינעם
שטעל פון ריינעם גינגאָלד אוועק.

און אף ראכוועסן ברייטע ווידער
לאָזט זיך הערן א נײַער רוף.
נײַע צײַטן און נײַע לידער
הייבט דאָס ברויזיקע לעבן אוף.

יענע מײַסעס פון ווילדע בערן
האָט די וואָר שוין פון לאנג צעזייט,
נאָר א מאמע מיט הייסע טרערן
ווידער איר בעניאָכיד באגלייט.

— וואָס זשע דארפסטו, אז האָבן האָסטו,
וואָס דאָס הארץ נאָר פארלאנגען וועט?
איז דיר ווייניק, דו זאָג מיר, מאָסקווע?
און וווהין נאָך דיך טראָגט דער שעד?

לאכט דער זון מיט א שמייכל זיסן
(וועז ער לאכט, איז ער מאָלע־טאָם!):
— ס׳טראָגט דער שעד מיך, זײַ, מאמע, וויסן,
צו דער בויונג, וואָס רופט זיך באם!

אוי, די יונגע, די דרייסטע אקשאָנים -
זיי פארהאלטן עס האָט קיין זין.
יאָגן נאָכאמאָל עשעלאָנען
מיט די זין פון אמאָליקע זין.

ווי מע זאָגט — זייער טאַטנס דײַגע,
וואָס א וועג האקט מען דורך אין וואלד...
דער בײַקאל, די אמורער טײַגע
פאר ראָמאנטיקער זיך צעפראלט.

רייזעלע פון דאָרף לעם טאמבאָוו

אף רוסישע פעלדער, אין דאָרף לעם טאמבאָוו —
א דופטיקע נאכט, און עס נעמט מיך קיין שלאָף...

— גוט־מאָרגן, ראָזאליע! -- עס קלינגט אין קאיאָר.
די פערל־ציין טוען א בלאנק: — א גוט־יאָר!

א שלאנקע בעריאָזע — נו, אכצן, ניט מער.
א מיידל א ייִדיש... ווי קומט זי אהער?

זי גייט, און עס קלינגט פון דער ווײַט דער געהילך,
אין עמער אין פולע זיך פליעסקעט די מילך.

— נו, שענק כאָטש א שמייכל! — א יונג ווארפט איר נאָך.
— וועסט קומען, — זי ענטפערט אים, — איבער א וואָך!..

און ווײַזט אים א ראָזעווען שפּיץ פון דער צונג.
— נו, וואָס? האָסט באקומען? — מע לאכט פון דעם יונג.

מיט פאָטערשן שמייכל מיר זאָגט דער פארטאָרג:
— וואָס שײַעך כאסאנים, זי האָט ניט קיין זאָרג!

און קישעף אזויפיל בא איר אין די הענט:
צו וואָס זי וואָלט נעמען זיך — פאָשעט עס ברענט!

אָ, רייזעלע־ראָזע, דערצייל מיר: ס׳האָט ווער
אין קאנט אין דעם ווײַטן געבראכט דיך אהער?

מיט וועגן מיט וועלכע מע האָט דיך געפירט,
זאָלסט ווערן דער שטאָלץ פון טאמבאָווער קאָלווירט?

ווו ביסטו געוואקסן און ווו איז דײַן הויז?
ווער האָט דיך א קליינע געוויגט אף דער שויס?

א מאמע האָט וועלכע מיט מילך דיך גענערט?
ווער האָט דײַנע ווערטער די ערשטע דערהערט?..

אף רוסישע פעלדער, אין דאָרף לעם טאמבאָוו
געהערט כ'האָב א מײַסע, וואָס האָט ניט קיין סאָף.

דער אָנהייב פון איר איז געווען, כ'האָב געהערט,
ווען ס'זײַנען די סאָנים באפאלן מײַן ערד.

נאָך איינער א הייסער און ביטערער שלאכט
האָט עמעץ א קינד צו סאָלדאטן געבראכט.

עס האָט נאָך דאָס שטעטל מיט פײַער געברענט
און ס'נעמען סאָלדאטן דאָס קינד אף די הענט.

און ס'שמייכלט דאָס פּיצל, און ס'דוכט זיך דעם אויס —
אז ס'ליגט בא דער מאמען אין וואָרעמער שויס...

אלץ ווײַטער און ווײַטער — פון האנט און צו האנט —
געבראכט מ'האָט דאָס קינד אין דעם רוסישן קאנט.

אף רוסישע פעלדער, אין דאָרף לעם טאמבאָוו
א רוסישע מאמע געהיט האָט זײַן שלאָף.

און רוסישע קינדער — אליין כאָטש אין נויט —
מיט ייִדישן קינד פלעגן טיילן דאָס ברויט.

און זיס איז געווען עס, און טײַער ביז גאָר...
און אָט איז שוין ראָזען דאָס אכצעטע יאָר,

א שלאנקע בעריאָזע מיט ייִדישער פּראכט,
מיט צעפּ, ווי עס וואָלט זיי געבאָדן די נאכט.

אף רוסישע פעלדער, אין דאָרף לעם טאמבאָוו —
א דופּטיקע נאכט, און עס נעמט מיך קיין שלאָף...

באלאדע וועגן פעלץ

ביז היינט פאר מײַנע אויגן שטייט
דאָס בילד פון יענע ווײַטע יאָרן:
א שאָפּנפּעלץ מײַן טאטע נייט
און זיפצט, און קרעכצט, און הוסט מיט צאָרן.

איך כאַפּ זיך אויף אינמיטן נאכט —
דער שלאָף אנטרינט פון מײַנע אויגן:
דער טאטע נייט, דער טאטע וואכט,
איבער די פּעלצן אײַנגעבויגן.

איך גיי אין שול אוועק — ער זיצט,
קיין צײַט ער האָט ניט גיין אין דרויסן.
איך קום פון שול — דער טאטע שוויצט,
ארומגעלייגט מיט טונקלע שמויסן.

אין פּאָדערהויז — א טאָג, א וואָך
די פּעל זיך ווייקן אין די פּעסער.
ער וועט זיי אויסשפּרייטן דערנאָך
און שאָבן מיט א ברייטן מעסער.

די גאנצע שטוב איז שוין פארלייגט
מיט שאָפּנפּעלצן, רויע פּעלן,
נאָר ווידער ווערט א פּאס פארווייקט
מיט שמויסן און מיט זײַעכץ געלן.

אָט יענער ביטערער גערוך
איז נאָך ביז איצט אין מיר פארבליבן,

און פון דער ווײַט אין נאָז, מיר דוכט,
ער שלאָגט מיט זויערקײַט און איבל.

און איך געדענק: אפן יאריד
דער טאטע פירט אוועק זײַן סכוירע.
ער קערט זיך אום, און זײַן געמיט
איז אָנגעפילט מיט מאַרעשכוירע.

— מע נעמט ניט, — זאָגט ער, — אין דער האנט,
געוואָרן מאָדניקעס מעסוקן.
זיי גיב שעוויאָט, זיי גיב געוואנט,
אף פעלצן וויל מען שוין ניט קוקן!..

. . . .
. . . .

אף מאָסקווער גאסן כ׳גיי ארום,
ס׳איז גאָרניט אזוי קאלט אין דרויסן,
נאָר כ׳זע — די מענטשן אומעטום,
זיי פעלצן זיך אצינד אין שמויסן.

דובליאָנקעס כ׳זע אף שריט און טריט
געפארבט אין שווארצן, ווײַסן, געלן:
קיין אנדער מאנטל וויל מען ניט —
בלויז פוטערס זײַנען הײַנט געפעלן.

און פאר די אויגן מײַנע שטייט
א בילד — פארגעסן כ׳קאָן ניט גראָד עס:
א שאָפנפעלץ מײַן טאטע נייט
און שעלט די וועלט מיט אירע מאָדעס...

באַלאַדע וועגן עלנטן הונט

צום הויז פּילשטשאַקיקן, וואָס האָט אַנטקעגן נײַ־יאָר
פֿאַר אײַנוווינער די טירן אופֿגעמאַכט,
האָט עמעצער אין דירע זײַנער נײַער
מיט אַלע כפּייִצים אויך אַ הונט געבראַכט.

אַן אַלטער קעלעוו, נאָר פֿון יענע וועכטער,
וועמען אַליין די אויגן גיבן אויס:
דעם מינדסטן שאָרך אָף מײַלן ווײַטע הערט ער,
קיין נעפּעש וועט ער צולאָזן צום הויז...

געשטאַנען איז ער אומעטיק אין דרויסן —
ווי איינזאַמער נאָך מער וואָלט קיינער זײַן,
און פֿײַערן פֿון הונדערט פֿענצטער גרויסע
אָף אים געוואָרפֿן האָבן זייער שײַן.

האָט ער געבילט אַ נאַכט אין קאַס צעגליטן,
און ווילד געהוילט, געדעוועט פֿון פֿאַרדראָס:
אַוועלכע פֿענצטער דאַרף ער איצטער היטן?
אין וועלכער דירע ווינט זײַן באַלעבאָס?

נו, ביל! נו, ביל!.. פֿאַר וועמען דאַרפֿסט זיך קלאָגן
און בייזערן אָף וועמען דאַרפֿסט זיך גאָר,
וואָס אָפּנעמען מע וויל די פּליכט, וואָס טראָגן
עס פֿלעגן דײַנע אָוועס דאָר נאָך דאָר?

און עפּשער מ׳עט ביכלאַל דיך מער ניט העצן,
ווײַל וויפֿל מענטשן קומען דאָ צו גיין,

בלויז פרײַנטשאַפט, וואָס מיט זיי וועט זיך באזעצן,
אין הויז וועט באלעבאטעווען אליין!

...באם הויז פילשטאָקיקן, וואָס האָט מיט יעדן גאָרן
געלויכטן העל, אין גאס ארײַן געצילט,
א הונט איז שיר ניט הייזעריק געוואָרן
און האָט אומזיסט א גאנצע נאכט געבילט...

א געשפּרעך מיטן שפּיגל־מײַסטער

נו, וואָס אַרט דיך?
זשאַלעווע ניט, מײַסטער:
ווײַז אַ נעס מיט כימיע דער נײַסטער —
צוגעבן ניט שווער איז דאָך מיסטאַמע
נאָך אַ לעק, אַ קאַפּל אַמאַלגאַמע!

טו מיר, מײַסטער, אָן דעם פאַרגעניגן,
ס'איז אַ גרויסע קונסט דאָך דײַן מעלאָכע:
פאַרטיק אויס פאַר אונדז אַזאַ מין שפּיגל,
וואָס זאָל י'נגער מאַכן די מישפּאָכע...

זאָגט דער מײַסטער:
— ביסט אַראָפּ פון זינען!
וואָס באַקלערסט האָסט זיך אײַנמיטנדרינען?

ענטפער איך אים:
— ניין, כאַסוועכאָלילע!
ניט געריירט כ'בין אָף קיין האָר אַפילע,
נאָר דער זיידע — זע, אָף אַלע סאָנים! —
שטאַלטנער מאַך אַ ביסעלע זײַן פּלייצע,
באַ דער באָבען — קנייטשן אָפּן פּאָנעם,
גלײַך זיי אויס! און, ביטע, גיב אַן אײַצע
אויך דעם טאַטן מיט דער מאַמען — זע נאָר:
וואָס אַ יאָר — מער אײַנגעשרומפּן, קלענער...
ווײַז זשע, מײַסטער, מיט דײַן שפּיגל וווּנדער —
מאַך זיי שענער יעדערן באַזונדער...

נאָר דער מיַיסטער איז, ווײַזט אויס, א ראָשע.
— הער א מיַיסע! — האָט ער זיך צעשריגן. —
זאָל עס זײַן אזוי, ווי ס'איז, — נישקאָשע,
ווילסט, דער שפּיגל זאָגן זאָל א ליגן?
ניין, דעם ריינעם עמעס ווײַזט מײַן שפּיגל!

אָט א מענטש... א ביסל אמאלגאמע
איז — איר זעט דאָך —
אים א שאָד מיסטאמע!.

ווילנע, דעקאבער 1976

מוישע טייפס ליכטיקן אָנדענק

כ׳האָב פארשפעטיקט?
צי דער צוג פארהאלטן
האָט זיך ערגעץ־ווו אף דרײַסיק יאָר?
מוישע טייפן זוך איך...
נאָר באהאלטן
האָט ער זיך פון מיר:
ניטאָ — און גאָר...

אונטער מײַנע פיס די ערד איך פיל ניט,
כאפ איך פארן ווינט זיך אָן —
און אָט
ברענגט ער אף די פליגל מיך קיין ווילנע
און פארטראָגט מיך אין דער מיט פון שטאָט.

און ווי נאָר דעם שלאָס־בארג דורכגעפלויגן,
לאָזט ער מיך אראָפ:
— איצט גיי אליין!
טוט א שנײַד מיט פײַער אין די אויגן,
און פארציטערט בלײַב איך דאָרטן שטיין.

ווו אין ענגשאפט שטוב צו שטוב זיך טוליעט
און די גאס פארבייגט זיך אין א שלייף,
לויכט זיך גיטל טײַבעלעס זאווולעק —
דאָרט, ווו ס׳האָט געפויקט אין פײַקל טייף...

„ — היי, כאָכמאַטשעס,
ווערטלזאָגער,
ספּאָרים־שלינגער,
טשאָלנט־פרעסער!” —
נעם איך רופן.
און ס׳צעפּראַלן פענצטער זיך פון יעדן שטאָק:
— צי ביסט, פעטער, כאָסערדייע,
צי, כאָלילע, בעגילופן,
וואָס דו שרײַסט אינמיטן העלן טאָג?

און אזוי ווי כ׳שטיי —
פון אלע זײַטן
טוט מען מיך א כאַפּ אונטער די הענט
און מע פירט מיך.
און איך הער פונוויַטן:
ס׳הילכט מוזיק —
איך האָב זי גלײַך דערקענט!

נו, אוואדע —
ס׳איז דאָך לעווין מיילעך![1]
זעט, ער לעבט, און ס׳איז זײַן פידל גאנץ.
ווילנע רודערט,
ווילנע גייט א פריילעכס,
ווילנע קרײַזט אין וויכערדיקן טאנץ!

האנט אין האנט אין ווירבל זיך פארייניקן,
און אין פאלאץ טרייסלען זיך די ווענט,
און שוין ניט אליין דעם קלעזמערס אייניקל —
ועמען נאָר איר ווילט, דאָ זען איר קענט.

„ — היי, כאָכמאַטשעס,
ווערטלזאָגער,

[1] דער העלד פון מוישע טייפּס באלאדע „דעם קלעזמערס אייניקל”.

ספאָרים־שלינגער,
טשאָלנט־פּרעסער!״ —
גיטל טײַבעלעס זאַוווּלעק רײַסט די פענצטער אויף
מיט ראש,

און נאָך אים — די געטאָ־גאַסן,
און דער קרײַז ווערט ענגער, גרעסער,
פון פאָנאַר זיך דורכגעריסן
און צעווייט דעם רויך, דאָס אש.

— אם קשיי אוירעף! — שרײַ איך.
נאָר פארכלינעט
ווערט מײַן קאָל — אָן אופהער הילכט מוזיק...

הײַנט האָט מיך די „ליטוואַ״[1] פון ווילנע
אינדערפרי געבראַכט אהיים צוריק...

---

[1] אזוי הייסט דער צוג, וואָס קורסירט פון ווילנע קיין מאָסקווע.

נערווי

פונעם לאנד פון בלויען הימל האָב איך שטענדיק געבענקט נאָך מײַן קאסרילעווקע, — מײַן קערפּער איז געווען אין איטאליע, און דאָס הארץ, די נעשאָמע — מיט אײַך.

שאָלעם־אלײכעם. פון א בריוו.

דורך יאָרן אויסגעטראָגן — טיף איז ער, דער ווײ —
פארטרויען ווען אים, פאר וועמען זיך פארקלאָגן?!
אין גרויסער בענקעניש נאָך זען א ביסל שנײ
האָט נאָך דאָס הארץ ניט אופגעהערט צו נאָגן.

ס׳האָט ערשט א שטראָם געטאָן פון האלדז אים בלוט,
געדוכט — אָט שטײט ער שוין, דער מאלכאמאָוועס, נעבן.
ווארט אויס א ווײַלינקע — ס׳וועט ווערן גוט,
נאָך ראנגלען וועט ער זיך — ער וועט נאָך לעבן!

מיט זון באלײַכטע שטיקער בלויער יאם
דורך אלע פענצטער מילד און לויטער קוקן.
אין קיִעוו, טראכט ער, פאלט א שנײ מיסטאם,
און מענטשן פאלן דאָרט — ס׳א גליטש מעסוקן.

און דאָ איז זומער...
איבער אים זיך שפּרייט
אזא מין הימל — עפן אוף דאָס הארץ און טרינק אים!
א גאנצן טאָג דאָ איין־אליין ער גײט,
אים איז באקענט אזוי שוין יעדער שטעג און ווינקל.

7--1388

אויך אים אליין שוין ווייסט דאָ קינד־און־קייט,
פון קליינוואַרג ביז באַיאָרטע איטאַליענער:
ס׳באַגלייט אים שטענדיק דער געלעכטער, ווו ער גייט —
צי קאָן אַזוי נאָך לאַכן עמעץ שענער?

נאָר קיינער ווייסט ניט, וויפל ווייטעק טראָגט דער מענטש
און ווי ס׳גייט אויס אין גרויסער בענקשאַפט אַ נעשאָמע.
מיט שיינקײַט ביסטו פון דער פולער האַנט געבענטשט,
דו, לאַנד פון זון, דו, לאַנד פון בליִענדע ציטראָנען!

נאָר אים איז פרעמד און איז ניט ליב די זון,
דער גרויסער יאַם אָן עפּעס אַנדערש גאָר דערמאָנט אים, —
אַף מײַרעוו גייט ער אַ צעווייטעקטער אַרום,
און ס׳האַרץ — אין מיזרעך מיט די ברידער נאָ׳נטע.

מיט וויפל כיין דאָ הייבט זיך אָן אַ טאָג,
גייט אויף אַ נאַכט אַף ווײַנגאָרטענער גרינע! —
נאָר ער געדענקט אַ פּערעיאַסלעווער פאַרטאָג,
נאָר אים גאָר כאָלעמט זיך אַ נאַכט אַף אוקראַיִנע.

אים איז דער טיפער בלויער הימל — קליין,
עס שלאָגן זיך צום ברעג מיט שוים די כוואַליעס.
און דאָרטן גאַנץ קאַסרילעווקע גייט אויס אַליין
און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, זיך ווייצלענדיק פון דאַלעס!

וואַרט צו אַ ביסל, פאַניע מאַלכאַמאָוועס, מיט דײַן רוט —
מע וועט שוין זען, ווער ס׳וועט איצט בלײַבן דאָ געלעכטער:
מיט אים האָט קיינער ניט געטרויערט קיין מינוט,
און שטאַרבן וועט ער, ווען מ׳עט דאַרפן — מיט געלעכטער!

גרויס איז יענער, וואָס ער האָט נאָך וואָס — און בענקט:
עס איז קיין פאָטערלאַנד קיין צווייטס באַ קיינעם ניט
פאַראַנען!
אַ שטיק פון לעבן וואָלט ער איצט געשענקט —
פאַר איין־און־איינציק בליק אַף דעם פונדאַנען...

נו, זע, וואָס פאר א זון אין פענצטער שלאָגט:
פאר דיר, קאסרילעווקע, — געמעגט וואָלסט זיך פארגינען!
אן אויסגעווייטעקטס, נאָגט דאָס הארץ און נאָגט:
יעהופעץ מײַנער, ליבע אוקראַינע!

אז ווו ער גייט, און ווו ער איז, און ווו ער קומט —
אים אלע טאָג צוריק דאָס פאָטערלאנד רופט ווידער, —
אף מײַרעוו גייט ער א צעווייטעקטער ארום
און בענקט נאָך מיזרעך — נאָך די בלוטיק־נאָ׳נטע ברידער.

ביסט, אוקראַינע, שענער נאָך פון שיין!
טעוויע, הערסט — ער האָט מיט דיר זיך ניט געזעגנט!
ווארט, קאסרילעווקע, ער וועט זיך אומקערן אהיים!
פאָלק, דעם שרײַבער דײַנעם גיי ארויס באגעגן!

פונעם וואָלאָטשײַעווקער טאָגבוך

(לידישער רעפּאָרטאַזש)

א

לאָמיר שווײַגן. א מינוט פון שווײַגן.
א מינוט, וואָס, ווי די צײַט, איז לאנג.
ביימער, בייגט צו וואָרצלען אָן די צווײַגן,
ווינט, שטיל אײַן דעם אָטעם אין דײַן גאנג!

ניט פון פראָסט פארכאפּט אין האלדז דער אָטעם,
ניט פון שניי אין אויגן טוט א בלענד. —
עפּשער דאָרט, ווו ערשט איך האָב געטראָטן,
האָט די ערד פון פײַער־בראנד געברענט?

עפּשער אָט אָ־דאָ, ווו כ׳בין געשטאנען,
אָפּגעגאנגען איז מיט בלוט א העלד?
עפּשער האָט ער אויסגעשטרעקט פונדאנען
מיר זײַן האנט: „נעם, פיר מיך אין דער וועלט!”

כ׳האָב געזוכט אים איבער אלע וועגן,
כ׳האָב געפילט זײַן יעדן מינדסטן ריר,
אומעטום איז ער געגאן אנטקעגן,
ווי א ברודער נאָכגעגאן נאָך מיר.

ער איז איינער פון די הונדערט אכצן,
וועמענס רו די סאָפּקע איצט פארהיט...
עפּשער איז עס ניט דער שטורעם אין הארצן -
ס׳איז דער אָפּהילך גאָר פון זײַנע טריט?

לאָמיר שווײַגן. א מינוט פון שווײַגן.
א מינוט, וואָס אײביק איז, ווי ער.
דעמבן נײגן אָן צו ד׳רערד די צווײַגן —
זײ, די דעמבן, אויך, ווי מיר, איז שווער.

ב

ווען עס קומט די נאכט און דער מוזײ
וואַרפט אין שטילן פּאַרק זײַן אָפּשײַן העלן,
גײען זײ ארויס — א רײ נאָך רײ,
ווי אמאָל, — צום איבערוף זיך שטעלן.

און באַם ווײַסן דענקמאָל זעט מע קאָן:
לויטן צעטל קומען זײ זיך מעלדן,
יעדער רופט זײַן נאָמען הילכיק אָן —
יעדער פון די הונדערט אכצן העלדן.

און מע זאָגט (אפילע אָפּט אלײן
אײַנגערוימט א סאָד מ׳האָט די באזוכער):
ס׳קומען אפן איבערוף צו גײן
סערישעוו, און פּאָסטישעוו, און בליוכער...

טאָג־נאָך־טאָג — אזוי שוין פופציק יאָר —
לויטן אלעפבײס קומט יעדער שלאכטמאן:
ס׳יאוועט זיך אקסיאָנאָוו ניקאנאָר,
און נאָך אים — באָריסאָוו, וואָלקאָוו, הארטמאן...

און דערנאָך, ווען, אויסגעשטעלט אין פראָנט,
אלע זײַנען גרײט די סאָפּקע נעמען,
דער גלאַווקאָם זײ נאָכאמאָל דערמאָנט,
וואָס פאר א באפעל איז און פאר ווען:

— ראָטעס, פאַרגעדענקט זשע גוט דעם ציל!
ערשטע ראָטע — ניקאָלײַ פיליפּאָוו.

צווייטע ראָטע — פעלדמאַן מיכאיל.
דריטע ראָטע... פערטע ראָטע... פינפטע...

און זיי גייען... גייען ריי נאָך ריי,
און די סאָפּקע לויכט זיי, ווי א טורעם.
נעמט שאַריִען — ווידער אין מוזיי
קומען זיי אף אָפּרו פאַרן שטורעם...

ג

פון דער סטאַנציע אין, צו דער סטאַנציע אין,
אף מיזרעך און מײַרעוו, אַהער און אַהין

א צוג נאָך א צוג מיט פאַרשיידענעם פראַכט —
באַנאַכט און באַטאָג, באַטאָג און באַנאַכט.

— וואָס אײַלט איר זיך, צוגן? ווער טרײַבט אײַך פאַרשײַט?
— מיר האָבן קיין צײַט ניט! מיר האָבן קיין צײַט!

א פײַף — און אוועק, א פײַף — און אוועק.
שלינגען וואַגאָנען דעם שטאָלענעם וועג.

שניי — ווי צעגאָסן א יאָם איז פון מילך.
דונערן רעלסן מיט טויבן געהילך.

דונערן רעלסן. צי עפּשער גאָר: הערט —
ס'הילכן האַרמאַטן אין הייסן געפעכט?

ס'הילכן האַרמאַטן און אָטעמען שווער —
עפּשער א פאַנצערצוג אײַלט גאָר אַהער?

— פאַרזיכטיק, פאַנצערצוג: ס'ברענט דאָרט די בריק!
— זאָרגט ניט, כאַווײַרים, כ'וועל קומען צוריק!

שפרינגט ער אריבער די ברענענדע בריק —
ליגן די סאָנים צענעריקט, צעפליקט...

פריַי איז דער וועג פון דער סטאַנציע אין...
— פאַנצערצוג, פאַנצערצוג, איַילסט איצט וווהין?

— ס׳האָט זיך פאַרטיַיעט דער פיַינט ווי א שלאַנג —
ס׳וואַרט וואָלאָטשיַיעווקער סאָפּקע פון לאַנג!..

הילכן די רעלסן — א קרעכץ נאָך א קרעכץ.
שפּיַיט ער מיט פיַיער אף לינקס און אף רעכטס.

פון דער סטאַנציע אין, צו דער סטאַנציע אין,
אף מיזרעך און מיַירעוו, אהער און אהין

שווערוואָגיקע צוגן, באַלאָדן מיט פראַכט —
באַנאַכט און באַטאָג, באַטאָג און באַנאַכט.

א צוג נאָך א צוג, א צוג נאָך א צוג,
און פירן זיי האָבן וואָס איבערגענוג:

קאָמביַינען און מעבל, ציגל און שטיין —
זיי האָבן קיין ציַיט ניט, מע קאָן זיי פאַרשטיין.

נאָר בעטן איך וויל איַיך — די טעג ניט פאַרגעסט:
א פאַנצערצוג טראָגט זיך מעסלעס נאָך מעסלעס.

כאָטש מ׳האָט זיַין מעטאַל שוין צעשמאָלצן פון לאַנג —
דערמאָנט אים מיט אָפּשיַי און זאָגט אים א דאַנק!

פון דער סטאַנציע אין, צו דער סטאַנציע אין
טראָגן זיך צוגן אהער און אהין...

קרימטשאקישע
מאָטיוון

דער נאָגיד און דער קאַפּצן

ניט בעכיפּאָזן און אויך ניט פּאַמעלעך —
א מײַסע פון לעבן דערציילן אײַך וועל איך.
נאָר הערן מע דאַרף זי, פאַרשטייט זיך, מיט קאָפּ,
אויב נימעס וועט ווערן אײַך — שטעל איך זיך אָפּ...

אָרעם מיט רײַכן, אוי, אָרעם מיט רײַכן
עס קאָנען זיך קיינמאָל אין לעבן ניט גלײַכן.

א נאָגיד אוואַדע מיט פערד און מיט וואָגן
דורך באַרג־רוקן קען, ווי א פויגל, זיך טראָגן.
א קאַפּצן — אַף וועג אַף א גלאַטן, פאַרקערט,
פאַרטשעפּעט זיך אָפּט אין א הרודקעלע ערד.

דער נאָגיד — כאַלוואַ עסט, א גילדענע יויך,
וואָס קריכט שוין צוריק פונעם טרייפּענעם בויך.
באַם קאַפּצן איז ליידיק און טרוקן די שיסל,
כאָטש גיב אים צו זאַט מאַמעליגע א ביסל.

דער נאָגיד די קליידער די בעסטע באַשטעלט
פון טײַערסטן צײַג, וואָס איז דאָ אַף דער וועלט.
דער קאַפּצן פאַרמאָגט ניט אפילע קיין שמאַטע
צו לייגן אַף בעגעד אַף אַלטן א לאַטע.

און שטאַרבט ער, דער נאָגיד, מע שטעלט אַף זײַן קייווער
פון מירמלשטיין שענסטן א גרויסע מאַצייווע.
באַגראָבט מען דעם קאַפּצן — זײַן קייווער איז וויסט:
קיין שטעכלקע וואַקסט ניט אפילע אומזיסט...

אוי, אָרעם מיט רײַכן, אוי, אָרעם מיט רײַכן
זיך קאָנען — אײַך זאָגן — געוויס ניט פאַרגלײַכן!..

כ׳האָב אין סאַד א רויז אראָפּגעריסן

כ׳האָב אין סאָד א רויז אראָפּגעריסן —
שענקען זי מײַן ליבער כ׳האָב געמיינט, —
האָט א פײַער־שטראָם גענומען גיסן,
ס׳האָבן בלעטעלעך מיט בלוט געוויינט.

ניט די אויגן מײַנע נאָר, — אפּאָנעם,
ס׳הארץ אין ברוסט געוואָרן איז פארשטיינט.
סאָנים האָבן מיר געלאכט אין פּאָנעם,
פרײַנט האָבן פון צאר מיט בלוט געוויינט.

כ׳האָב מײַן פידל אין דער האנט גענומען —
שפּילן פאר מײַן ליבער כ׳האָב געמיינט.
איז א פײַער פּלוצעם אָנגעקומען,
יעדע סטרונע האָט מיט בלוט געוויינט.

כ׳האָב דעם טינטער אין דער האנט גענומען —
אָנשרײַבן מײַן ליבער כ׳האָב געמיינט.
האָט א פײַער־פלאם גענומען זשומען,
ס׳האָט די פען מײַנע מיט בלוט געוויינט.

ניט די אויגן מײַנע נאָר, — אפּאָנעם,
ס׳הארץ אין ברוסט געוואָרן איז פארשטיינט.
סאָנים האָבן מיר געלאכט אין פּאָנעם,
פרײַנט האָבן פון צאר מיט בלוט געוויינט...

הייל מיך אויס

אוי, א בראָך צו מײַנע יאָרן —
וואָס איז שוין פון מיר געוואָרן!
גאָט מײַנער, אזא מין שטראָף,
ווען זשע נעמען וועט א סאָף?

גאָט אין הימל, ביסט דאָך גרויס —
קום זשע, קום און הייל מיך אויס!

צו דעם וואסער גרינע צווײַגן
נייגן זיך אין שטומען שווײַגן.
נעם מיך, שיפלער, פיר אוועק,
ס'האָט מײַן ווייטעק ניט קיין ברעג.

מײַן געליבטע, ווי א פויגל,
איז פון מיר אוועקגעפלויגן,
אָפּגעקערט זיך האָט מײַן גליק·
ווו זשע נעמט מען עס צוריק?

ווען כ'דערמאָן זיך אירע אויגן,
ווערט מײַן הארץ מיט ווײ פארצויגן,
שטייט אינמיטן וועג א שטיין —
פאל איך צו צו אים און וויין.

אויסגיין וועל איך אלע וועגן —
ווו זשע זוכן, וועמען פרעגן?
אף מײַן הארץ איר בריוול ליגט,
וואָס זי האָט מיר צוגעשיקט.

פרעכע בליקן, כויזעק־ווערטער
שטעכן מיך מיט שפּאָט־געלעכטער.
זײַן איך וואָלט א פּיש בא אײַך —
אויסגעמײַדט כ׳וואָלט אײַער טײַך.

דיך דערזען, איך וואָלט דיר זאָגן:
בינד מיך צו צו דײַנע לאָקן.
אויב געדענקסט מיך, צו מײַן שטיין
זעץ זיך צו און מיך באוויין.

די לעוואָנע ווערט אלץ בלאסער,
און אין טײַך עס זידט דאָס וואסער.
שענק מיר כאָטש א לעצטן בליק —
מער ניט קומען כ׳וועל צוריק.

וועלקט א קנאָספּ — ער ווערט פארדאָרבן.
קוק, ווי ס׳גייט אוועק דײַן קאָרבן,
הער, ווי רופן, שרײַען וועט
פונעם קייווער מײַן געבעט.

גאָט אין הימל, ביסט דאָך גרויס —
קום צו גיין און הייל מיך אויס!..

פון איינס ביז הונדערט

דאָס קינד, וואָס ווערט געבוירן בא דעם קנעכט פון גאָט,
איז ענלעך אַף א בלום, וואָס שפּראָצט ארויס אין סאָד.

ווען אלט עס ווערט א יאָר און מאכט די ערשטע טריט —
ס׳איז ענלעך אַף א צווײַג, צו וועלכער פויגלען ס׳ציט.

צוויי יאָר דעם קינד — פון קאשע ס׳קערט זיך אָפּ.
דרײַ יאָר — ס׳ווערט שלאנק, און הויך ס׳פארהייבט דעם קאָפּ.

פיר יאָר — אלץ פלינקער ווערט זײַן יעדער קער,
פינף יאָר — ס׳צעבליט זיך, ווי א רויז, אלץ מער.

צו זעקס — בא אים שוין בײַטן זיך די ציין,
צו זיבן — ס׳וויל זײַן שטעטל שוין אליין באשטיין.

צו אכט — ס׳באווײַזט די קראפט פון הענט און פיס,
צו נײַן — ווי א לעוואָנע פולע שיין עס איז.

צו צען — ס׳צעעפנט זיך, פונקט ווי אין סאָד א רויז,
צו עלף — נאָך מער די בונטע רויז וואקסט אויס.

צו צוועלף — דאָס לעבן ברויזט אין אים און זידט,
צו דרײַצן — זײַנע ברעמען, ווי א בויגן, ער פארציט.

צו פערצן — נאכעס פון אים טאטע־מאמע קלײַבט,
צו פופצן — ווער אים זעט, פארגאפט שוין בלײַבט.

צו זעכצן — ס׳איז זײַן ברוסט, ווי בא א ריז,
צו זיבעצן — א שלאנקער איז ער, ווי א קיפּאריס.

צו אכצן — שפּילט און קאָכט אין אים דאָס בלוט,
צו נײַנצן — וואָס ער וויל און דאַרף, ער ווייסט שוין גוט.

צו צוואנציק — זײַן באשערטע קלײַבט ער אויס,
פונקט ווי א לייב, ער איז אי שטארק, אי גרויס.

צו פינף און צוואנציק — שווערער ווערט זײַן אָל,
צו דרײַסיק — רויִקער, געצוימטער וואָס א מאָל.

צו פינף און דרײַסיק — א באַיאָרטער מענטש,
וואָס איז מיט כאָכמע און מיט פרײַנט געבענטשט.

צו פערציק — טיפע וואָרצלען לאָזט ער אין דער ערד,
צו פינף און פערציק — מער דאָס ווײַב ער הערט.

צו פופציק — שלאָגט ער זיך אָלכעט פאר זײַנע זינד —
שוואך, ווי א צווײַגל אפן בארג אנטקעגן ווינט.

צו פינף און פופציק — קיינער שוין אף אים ניט קוקט,
צו זעכציק — אין די קני א שטומער ווייטעק צוקט.

צו פינף און זעכציק — נעפּלדיק די אויגן און פארשמאכט,
א פוילער בוים, אף וועלכן סאָוועס זעצן זיך באנאכט.

צו זיבעציק — ער איז שוין גראָוו און אלט,
צו פינף און זיבעציק — קוים הענט און פיס ער האלט.

צו אכציק — ווי א כאָלעם, אלץ פאר אים פארגייט —
א פעלד א פוסטס, וואָס איז מיט שטויב פארווייט.

צו פינף און אכציק — נאָיען אים שוין רוק־און־לענד,
צו ניינציק—ניט קיין ציין, און ניט קיין פיס, און ניט קיין הענט.

צו פינף און ניינציק — אלץ אין אים צעשאָטן ווערט,
צו הונדערט, ענדלעך, — גלייכט ער אויס זיך מיט דער ערד.

די ליד פון א סאָלדאַט

„מאמע מײַנע!" — רוף איך... איז זי פון מיר ווײַט.
„טאטע מײַנער!" — בעט איך... האָט ער ניט קיין צײַט.
אין קאזארמע לעב איך, א פארשפארטער הונט,
קיינער טוט ניט פרעגן: „ווי איז דײַן געזונט?"

כ'האָב געזאָגט דיר — „אלעף", כ'האָב געזאָגט דיר — „בייס",
וואָס האָסטו געפונען אין מײַן ריידן בייזס?
אויב פון אלע טײַכן וואָלט געוואָרן טינט,
ניט געקלעקט באשרײַבן פון מײַן פײַן אצינד.

ס'האָט זיך אויסגעצויגן מײַן „אלעף", ווי א שפּיז,
פון די ליידן אלע כ'פאל שוין פון די פיס.
ווּ זשע ביסטו, מאמע?.. טאטע, קום צו גיין —
אף מײַן וויסטן קיוועו לייגט מען שוין א שטיין.

מ'האָט קיין סימפעראָפּאָל פון קאראסובאזאר
מיך געבראכט א יונגן, דינען כ'זאָל דעם צאר.
באכטשיסארײַער פעלדער זײַנען פונקט ווי סדאָם,
איבער זיי מארשיר איך — „נאליעוואָ קרוגאָם!"...

„מאמע מײַנע!" — רוף איך... איז זי פון מיר ווײַט.
„טאטע מײַנער!" — בעט איך... האָט ער ניט קיין צײַט...

קום זשע אהער צו מיר, טײַבעלע

א יאָמטעוו אזא טרעפט איין מאָל אין יאָר —
ראַם אוף זשע די קיך, מײַן טײַבעלע!
א בעריע דו ביסט, א כאכאָמע ביז גאָר —
איז מאך דאָס אפגיך, מײַן ווײַבעלע!

קום זשע אהער צו מיר, טײַבעלע,
לאָמיר זיך קושן און פרייען!
א טענצל איז כאפן, מײַן ווײַבעלע,
אויך גוט, ווען מיר זײַנען אינצווייען!

פון העל־רויטן ציץ מײַן קאפטאן איז גענייט
און מיט זילבער באצירט, מײַן טײַבעלע!
שאדכאָנים באגעגענען דארף מען מיט פרייד,
ווי בא לײַטן זיך פירט, מײַן ווײַבעלע!

עס פילדערן פויגלען — זיי בויען א נעסט,
ס׳צעגייט שוין דער שניי, מײַן טײַבעלע!
אוי, עמעצער קלאפט שוין — דאָס קומען די געסט,
באגעגן זשע זיי, מײַן ווײַבעלע!

שאָלעם־אלייכעם — און נאט אײַך מײַן האנט!
שאדכאָנים דאָס זײַנען, מײַן טײַבעלע!
איז לאָמיר מיט אלעמען ווערן באקאנט —
צעגיס זשע די ווײַנען, מײַן ווײַבעלע!

דעם פויק כ׳האָב מיט קוויטן באצירט און באשײַנט —
אף דער כאסענע שפילן, מײַן טײַבעלע!

מיט אײַך זיך מעשאַדעך זײַן, טײַערע פרײַנט,
פון לאנג שוין מיר ווילן, מײַן ווײַבעלע!

כ׳האָב נאָדן געזאמלט — סײַ קליידער, סײַ געלט,
ס׳איז ניט אף געלעכטער, מײַן טײַבעלע!
מיר האָבן די בעסטע געוויס אף דער וועלט
געראָטענע טעכטער, מײַן ווײַבעלע!

כ׳האָב מירמל א סאך — וועל איך נעמען די זעג
צו בויען א הויז, מײַן טײַבעלע!
אוי, זע נאָר — די קאַלעס, פאַרפּוצטע אין וועג,
מע פירט שוין ארויס, מײַן ווײַבעלע!

קום זשע אהער צו מיר, טײַבעלע,
לאָמיר זיך קושן און פרייען.
א טענצל איז כאַפּן, מײַן ווײַבעלע,
אויך גוט, ווען מיר זײַנען אינצווייען!..

וויאזוי מ׳האָט דערמאָרדעט מײַן פאָלק

ווען געשריגן וואָלט איך נעכטן, מאָרגן, הײַנט,
ווען נאָך יעדן איינעם כ׳וואָלט געגאַנגען, ווי א שאָטן,
ווען צעשיידונג קעגן דעם וואָלט אויסגעזען, ווי גליק,
מײַן פרײַנט, —
ווייסטו, ווי מײַן פאָלק מ׳האָט אויסגעראָטן?

אוי, מערדער, איר שפּײַט אונדז אין פּאָנעם
און ווארפט אַף אונדז אָן א שרעק,
מיר ווייסן, פאשיסטן־טאליאָנים,
ווּהין ס׳פירט דער בלוטיקער וועג.

פון די סימפעראָפּאָלער פעלדער
האָט געשריגן מײַן פאָלק — זײַן געשריי
האָט צעטרייסלט דיביימער אין וועלדער
און די בערג האָט געוואָרפן אין וויי.

די קינדער אומגליקלעכע האָבן
געצאפּלט בא מוטערס אין שויס,
מע האָט זיי צוזאמען באגראָבן...
באגראָבן, פארפאלן — און אויס!..

גראָבט טיפער און ברייטער די גריבער —
קיין רעטונג ניטאָ איז שוין מער,
נאָר א בלוטיקן זייכער לאָזט איבער,
ווען מ׳עט קומען אונדז זוכן אהער.

די שטראָף וועט די מערדער דעריאָגן —
כאָטש וויפל דאָס בלוט ניט פארוואש!

מײַן פֿאָלק, װעסט נאָך קױעך פֿאַרמאָגן
אַף אופֿשטײן פֿון פֿײַער און אַש?

קײן טאַטע, קײן שװעסטער, קײן ברידער,
קײן מאַמע, קײן קינד און קײן רינד —
אַלײן, װי אַן עלנטער שפּליטער
פֿון אַ פֿאָלק כ׳בין געבליבן אַצינד.

אין פֿעלד אין פֿאַרװיסטן אינמיטן
איך שרײַ פֿונעם קײװער — איר הערט?
פֿאַרגעסט ניט, װי מ׳האָט אונדז פֿאַרשניטן,
פֿאַרשניטן, פֿאַרװישט פֿון דער ערד...

אינהאלט

גאם זו לעטויוועו! 7

דער ערשטער טרונק

אלטײַער זון 11
אף די וועגן סיבירער 12
דאָס קלינגעגן דראָטן 13
דיוונאָגאָרסק 15
אָט יענע, די ערשטע 17
דער ערשטער טרונק 18
אָט די שטילע בירע... 19
דאָס געוויסער 21
דער שטערן אף דער סאָפּקע 22
הארבסט 23
עס נעמט שאר׳ען 24
א גאנצן טאָג 25
שקיִע 26

גלויבן

העמשעך 29
כ׳וואָלט אנדערש לעבן ניט געקאָנט 30
היים און ערד 31
דו האָסט נאָך צײַט 33
זײַ ריין און פּראָסט 34
א דאנק! 35
אפן וואָקזאל 36
אין וועג 37
א לויב דיר, הארץ! 38
אין אָט די הונדערט אכט מינוט 40

וואָג און וואָגלאָזיקייט 41
שאפונגס־גייסט 42
טשעפּעט ניט דעם טרוימער 43
ריידן און שווייגן 45
שרעק זיך ניט, וועוועריקע! 46
אלץ נאָך ווייניק 47
מוזיק 49
שטילקייט 50
לעבן 51
אָן זיידעס און באָבעס 53
מיין כסימע 54
א טויב אפן טאנק 56
באם דענקמאָל אין באבי יאר 57
מיין ייכעס־צעטל 59
דער מאמעס ניגן 60
טויעלעך 61
פּארשפּעקטיקט 62
דער לעצטער בלאט 63
צוזאמען 64
די בערעזע 65
גראָווע האָר 66
באגייסטערונג 67
דאָס ניט דערזאָגטע וואָרט 68

איך רוף צו דיר

כ׳רוף צו דיר 71
האָסט אפילע ניט געוווסט... 72
שענק מיר! 73
לאכט מען... 74
און אויב אמאָל עס טוט מיר ווי 75
דער גרויסער סאָד 76
דריי טיולפאנען 77
די אָפּגעהאקטע קרוין 78

גוואַזדיקעס אפּן שניי 79
אָן אן ענטפער 80
טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט 81
טו זיך אָן אין שענסטן קלייד 82
איך גיי 83
ווי דאָס גלעקעלע קלינגט! 84
מיטגעפיל 85
דער געלער בלאַט 86
אינמיטן וועג 87
קינדער שיקן בריוו, ווי טעלעגראַמעס... 89
יונגע באָבעס 90
א רעפּוע 92
און אויב... 94

באלאדעס

באלאדע וועגן זין ראָמאַנטיקער 97
רייזעלע פון דאָרף לעם טאַמבאָוו 100
באלאדע וועגן פעלץ 103
באלאדע וועגן עלנטן הונט 105
א געשפּרעך מיטן שפּיגל־מײַסטער 107
ווילנע, דעקאַבער 1976 109
נערוויי 112
פונעם וואָלאָטשײַעווקער טאָגבוך 115

קרימטשאקישע מאָטיוון

דער נאָגיד און דער קאַפּצן 121
כ׳האָב אין סאָד א רויז אראָפּגעריסן 122
הייל מיך אויס 123
פון איינס ביז הונדערט 125
די ליד פון א סאָלדאַט 128
קום זשע אהער צו מיר, טײַבעלע 129
וויאזוי מ׳האָט דערמאָרדעט מײַן פאָלק 131

כאַים ביידער

כאַנוקאַס־האַבאַיס

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1979 י., 136 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1979 י. נום. 302

קינסטלער אי. גירעל

רעדאקטאָר א. גאָנטאַר

קינסטלערישער רעדאקטאָר נ. לאַווּרענטיעוו

טעכנישער רעדאקטאָר אי. מינסקאַיא

קאָרעקטאָרן א. סטרעלניק, ד. גראָזאָווסקאַיא

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נום. 1825

אָפּגעגעבן אין זאַץ 19.06.79. אונטערגעשריבן צום דרוק 08.10.79. פאָרמאַט $70\times108^{1}/_{32}$. טיפּאָגראַפיש פּאַפּיר נום. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 5,95. פאַרלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 3,63. טיראַזש 2100 עקז. באַשטעלונג נום. 1388. פּרײַז 45 קאָפּ. פארלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נום. 11, באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראַפיע נום. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוזפּאָליגראַפפּראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פּססר איבער די איניאַנים פון פארלאַגן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל. 121019, מאָסקווע, אַקסאַקאָוו־געסל, הויז נום. 13.

Хаим Волькович Бейдер

НОВОСЕЛЬЕ

(на еврейском языке)

М. «Советский писатель», 1979, 136 стр. План выпуска 1979 г. № 302

Художник *И. М. Гирель*. Редактор *А. Ю. Гонтарь*
Худож. редактор *Н. С. Лаврентьев*. Техн. редактор *И. М. Минская*
Корректоры *А. Б. Стрельник, Д. С. Грозовская*

ИБ № 1825

Сдано в набор 19.06.79. Подписано к печати 08.10.79. Формат $70\times108^{1}/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 5,95. Уч.-изд. л. 3,63. Тираж 2100 экз. Заказ № 1388. Цена 45 коп. Издательство «Советский писатель» 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.